STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11427

TSUM ARBEYTER-FOLK

Leo Tolstoy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא אינטערנאַציאָנאלע ביבליאָטהעק

צום
ארבייטער־פאלק

פון

ליעוו טאָלסטאָי

איבערזעצט אויס דעם רוסישען פון

ח. אַלעקסאַנדראָוו

ארויסגעגעבען פון

א. מ. יעוואַלענקאָ

ניו יאָרק

Copyright, 1907
By A. M. Evalenko, Publisher

צום אַרבייטער־פאָלק.

צו לעבען אויף דער וועלט איז מיר געבליבען ניט פיעל, און איידער איך שטאַרב אַוועק, וואָלט זיך מיר וועלען זאָגען דיר, דו אַרבייטער־פאָלק, אַליז, וואָס איך האָב אין די געדאַנקען מכח דיין געדריקטער לאַגע און מכח די מיטלען, דורך וועלכע דו קענסט זיך פון דיין לאַגע בעפרייען.

עס קען זיין, אַז כאָטש איין ביסעל פון דעם, וואָס איך האָב געטראָגען אין די געדאַנקען פריער און איצטער (און געטראַכט וועגען דעם ענין האָב איך אַ סך), וועט אייך, אַרבייטער, פאָרט צוניץ קומען.

נאַטירליך ווענד איך זיך מיט מיינע ווערטער צו די רוסישע אַרבייטער, צווישען וועלכע איך פערברייננ מיין לעבען און וועלכע איך קען טאַקי בעסער און נעהענטער, איידער די אַרבייטער פון אַנדערע לענדער. אָבער איך האָף, אַז אפילו די אַרבייטער פון אַנדערע לענדער וועלען אויך געפינען אַ שטיקעל נוץ פאר זיך אין אַ פּאָר פון די געדאַנקען מיינע.

.1

דאָס, וואָס איהר, אַרבייטער, זייט געצוואונגען אָבצולעבען דאָס גאַנץ לעבען אייערם אין דחקות און אין שווערער אַרבייט, אין אַרבייט, וואָס אייך גופא איז זי נישט נויטיג, בעת אַנדערע מענשען, וועלכע טון נישט איין אַ פינגער אין קאַלט וואַסער, בענוצען זיך מיט יעדער ברעקעלע, וואָס איהר שאַפט; דאָס, וואָס איהר זייט די שקלאַפען אָט פון די לעדיג־גנעהער, און דאָס, וואָס אזוינס האָט בשום

אופן נישט געדאַרפט זיין, — דאָס זעהט יעדערער, וועלכער האָט נאָר אויגען און אַ האַרץ.

אָבער וואָס־זשע הויבט מען אָן צו טון, אַז דאָס זאָל נישט זיין?

פון כמה יאָהרען האָט זיך געלעגט אויפ'ן שכל און נאָך עד היום לעגט זיך אויפ'ן שכל, אַז דאָס סאַמע ערשטע, איינפאַכע און נאַטירליכע מיטעל דערצו איז אַוועקצונעמען מיט געוואַלד ביי די, וועלכע לעבען פון אייער פּראַצע, אַלצדינג, מיט וואָס זיי באַנוצען זיך געגען דין און געגען יושר. פון גאָר די אַלטע צייטען האָבען אויף אַזאַ'ן אופן געהאַנדעלט, למשל, די שקלאַפען אין רוים, און אין די מיטעלעלטערישע יאָהרען די פּויערים אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. נישט איין מאָל האָט מען זיך געכאַפּט צו דעם מיטעל אויך אין רוסלאַנד, אַ שטייגער אין די צייטען פון סטיענקאַ ראַזין, פּוגאַטשאָוו. ווען ניט ווען האַנדלען אַזוי אויך ביי היינטיגען טאָג רוסישע אַרבייטער.

די פערטיילטע אַרבייטער לעגט זיך אויפ'ן שכל אַט דאָס מי־טעל פריער פון אַלע אַנדערע מיטלען. און פון דעסטוועגען, נישט נאָר וואָס דאָס מיטעל דערגרייכט קיין מאָל נישט דעם צוועק זיי־נעם; נאָר פערקערט, אַלע מאָל מאַכט דאָס די לאַגע פון די אַרביי־טער גיכער ערגער איידער בעסער. אין די אַלטע צייטען, ווען די ממשלה פון דער רעגירונג איז ניט געווען אַזאַ שטאַרקע ווי איצטער, האָט מען נאָך געקאָנט האָפען, אַז פון אַזוינע בונטען זאָל עפּיס אַרויס אַ נוץ; אָבער איצטער, ווען די רעגיערונג, וועלכע נעמט זיך תמיד אָן פאַר די פּוסט־און־פּאַסניקעס, פערמעגט אי אַ גוזמא געלד, אי אייזענבאַהנען, אי דעם טעלעגראַף, אי די פּאָליציי, אי זשאַנ־דאַרמען, אי חיל, — לאָזט זיך אויס אַלע מאָל פון אַזוינע מיני פּראָ־בעס דאָס, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזען דאָ נישט לאַנג פון די בונטען אין דער פּאָלטאַווער און אין דער כאַרקאָווער גובערניע, ס'הייסט, אַז די בונטאָווששיקעס הרג'עט מען, אַז מען שלאָגט זיי עד למיתה; און די ממשלה פון די לעדיגגעהער איבער די, וואָס פּראַצעווען, ווערט דערפון נאָך שטייפער איינגעגרונטעוועט.

ווען איהר, אַרבייטער, כאַפּט זיך קעמפּפען מיט די געוואַלט־

טוער דורך געוואלט־מיטלען, טוט איהר די זעלביגע זאך, וואס א שטייגער א געבונדענער מענש וואלט געטאן, ווען ער וואלט זיך ווע־לען בעפרייען און גענומען דעריבער ציהען די שטריק, מיט וועלכע ער איז פערבונדען: דער סוף וואלט געווען, אז ער וואלט דערמיט נאך שטארקער פערצויגען די פענטעס, וואס האלטען איהם גע־בונדען די אברים. אט דאס קאן אויך ארויסקומען מיט אייך, אויב איהר זאלט אנפאנגען דורך געוואלט־מיטלען אבצונעמען דאס, וואס אייך קומט, און וואס מען נעמט צו פון אייך מיט געוואלט.

.2

אז דאס מיטעל פון בונטעווען דערגרייכט נישט קיין שום ציעל און פערבעסערט נישט, נאר פארקערט, גיכער מאכט דאס נאך ער־גער די לאגע פון די ארבייטער, זעהט שוין איצטער בעשיינפערליך יעדער איינציגער. און דארום איז די לעצטע צייט אויסגעטראכט געווארען א שפאגעל־ניי מיטעל צו בעפרייען די ארבייטער; אויס־געטראכט האבען דאס מענשען, וועלכע ווילען דעם ארבייטער׳ס טובה, אדער וועניגסטענס זאגען זיי אזוי. דאס ניי מיטעל שטיצט זיך אויף אזא מין תורה: נאכדעם, ווי אלע ארבייטער וועלען פער־לירען די ערד, וואס זיי האבען ביז דעמאלט געהאט, און וועלען אלע ווערען געדונגענע פאבריק־ארבייטער (און נאך דער דאזיגער תורה מוז דאס קומען אונפערמיידליך, אט פונקט אזוי ווי עס איז אונ־פערמיידליך, אז אין א בעשטימטער צייט זאל די זון אויפגעהן), — וועלען זיי, די ארבייטער הייסט דאס, נעמען ארגאניזירען פעראיי־נען, קארפאראציעס, מאכען דעמאנסטראציעס, שיקען אין פארלא־מענט אייגענע פערטרעטער, און וועלען דורך דעם אלץ מעהר און מעהר פערבעסערען זייער לאגע, און סוף כל סוף וועלען זיי זיך אפילו צונעמען אלע זאוואדען, פאבריקען און די ערד, און אט דע־מאלט וועלען זיי שוין זיין גאר אין אלעמען פריי און גליקליך. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס אין דער תורה, וועלכע שלאגט פאר אט דאס מיטעל, זיינען א סך זאכען נישט קלאר, א סך זאכען אריינגע־שלעפט געווארען על כרחך, א סך זאכען ווידערשפרעכען זיך, און א

סך זאכען זיינען איינפאך נאריש, פערשפּרייט זי זיך אין דער לעצ־טער צייט וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר.

די דאָזיגע תורה ווערט אָנגענומען ניט נאָר אין יענע לענדער, וואו דער גרעסטער טייל פון דער בעפעלקערונג האָט שוין צוריק מיט עטליכע דורות אוועקגעוואָרפען ערד־ארבייט, נאָר אפילו דאָרטען אויך, וואו דאָס רוב ארבייטער האָט נאָך גאָר אין זינען גישט גע־האַט אוועקצוגעהן פון דער ערד.

און דוקא האָט זיך געקאָנט דוכטען, אז די דאָזיגע תורה זאָל גאָר קיין שום ערפאָלג ניט האָבען אין די לענדער, וואו די ארבייטער לעבען נאָך פון ערד־ארבייט, זיצענדיג יעדערער אויף זיין נחלה. און ס'פערשטעהט זיך אויך, פאר וואָס האָט געזאָלט אזוי זיין. ווייל קודם כל פאָרדערט די תורה פון דעם ארבייטער אין דאָרף, אז ער זאָל אויפגעבען די געזונטע און חיות'דיגע בעדינגונגען פון דער פּיל־פאכיגער ערד־ארבייט, צו וועלכע ער איז געוואוינט פון קינדווייס אויף, און אריבערגעהן צו די אונגעזונטע, מרה־שחורה'דיגע און פערדארבליכע בעדינגונגען פון אַן אומעטיגער ארבייט, וואָס פער־שלאָגט נאָך דערצו דעם מח ; אז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון דער אונ־אבהענגיגקייט, וואָס עס פיהלט יעדער ערד־ארבייטער, ווען ער קען מיט זיין פּראָצע בעפרידיגען אַלע זיינע פערלאנגען, און אריבער אין דער פאָלשטענדיגער שקלאפישער אבהענגיגקייט פון דעם גוטען ווילען פון בעל־הבית, ווי עס איז די מעשה מיט'ן פאבריק־ארביי־טער. אָבער דאָס דרשנ'ען פון אָט דער אין דער מאָדע אריינגע־גאנגענער תורה, וואָס הייסט סאָציאליזם, אפילו אין אזעלכע לענדער ווי רוסלאַנד, וואו 98 פּראָצענט פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג לעבט פון ערד־ארבייט, ווערט גאנץ גערן אָנגענומען פון די 2 פּראָצענט ארבייטער, וועלכע זיינען אָבגעשטאנען פון ערד־ארבייט אָדער שטעהן אָב פון איהר כסדר.

דאָס קומט ארויס אָט פון וואָס : אז אַן ארבייטער ווארפט אוועק די ערד־ארבייט, קאָן ער שוין מעהר ניט, ווען ער זאָל דאָס אפילו וועלען, ביישטעהן די גרויסע נסיונות, וואָס מען טרעפט אין דעם שטאָדטיגען לעבען און דעם פאבריק־לעבען. און א זכות אויף

זיי דאָזיגע נסיונות געפינט ער אין דער סאָציאַליסטישער תורה, וועלכע זאָגט איהם בפרוש, אז וואָס מעהר עס פערגרעסערען זיך די בעדירפניסען פון׳ם מענשען, איז דאָס אַלץ א בעסערער סימן, דאָס ער, דער מענש הייסט דאָס, שטייגט העכער און העכער אין זיין גייסטיגער ענטוויקלונג.

אזוינע ארבייטער, ווי זיי האָבען נאָר א ביסעל גענאַשט פון דער סאָציאַליסטישער תורה, קומען באַלד מיט גרויס פלייסיגקייט פראָפּאַגאַנדירען די תורה, געבען זי צו פערשטעהן די מיטברידער זייערע; און דערפאר, וואָס זיי קאָנען אָנפיהרען אזא מין פראָפּאַגאַנדאַ און האָבען זיך צוגעוואוינט צו נייע בעדירפניסען, פון וועלכע זיי האָבען ביז אהער ניט געוואוסט, האַלטען זיי זיך אגב אורחא פאַר פאָרטגעשריטענע מענשען, וועלכע שטעהן א סך, א סך העכער פון דעם גראָבען פויער, פון דעם ארבייטער אין דאָרף. צום גליק געפינט מען אזוינע ארבייטער אין רוסלאַנד נאָך זעהר ווענינ; די גרויסע צאָהל רוסישע ארבייטער, וועלכע לעבען פון ערד־ארבייט, האָבען קיין מאָל ניט געהערט פון דער סאָציאַליסטישער תורה; און אויב זיי דערהערען פון איהר ווען ניט איז יע, האַלטען זיי די תורה פאַר א זאַך, וואָס זי איז זיי אין אלעמען פרעמד און האָט לחלוטין נישט צו טאָן מיט זייערע טאָג־טעגליכע בעדירפניסען.

דיא אַלע סאָציאַליסטישע מיטלען, דהיינו: פראָפּעסיאָנעלע פעראיינען, דעמאָנסטראַציעס, וואַהל פון אייגענע פערטרעטער אין פאַרלאַמענט, — מיטלען, דורך וועלכע די פאַבריק־ארבייטער סטאַרעווען זיך לייכטער צו מאַכען זייער שקלאַפען־צושטאַנד, קאָנען בשום אופן נישט פעראינטערעסירען אין זיך די פרייע ערד־ארבייטער.

אויב עס איז דאָ עפּיס אויף דער וועלט, וואָס די ערד־ארבייטער דארפען יע האָבען, איז דאָס נישט העכערע שכירות, נישט קלענערע ארבייטס־שטונדען, נישט פעראיין־קאַסען און ד. גל. זיי דארפען נאָר איין איינציגע זאַך — ערד, וואָס יעדערער פון זיי האָט איצטער צו ווענינ און וואָס ער מוז האָבען גענוג, כדי צו קע־

נען זיך ערנעהרען מיט זיין הויז-געזינד. און אַט וועגען דעם ענין, דעם איינציג-וויכטיגען פאר די ערד-ארבייטער, ווערט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט אין דער סאָציאַליסטישער תורה.

3.

אז די ערד, די פרייע ערד, איז דאָס איינציג מיטעל, וואָס מען קאָן דורך איהם פערבעסערען די אייגענע לאַגע און בעפרייען זיך פון שקלאַפעריי, — דאָס פערשטעהן אַלע רוסישע ארבייטער, וועלכע האָבען נאָך א ביסעל מאַרך אין קאָפּ.

אַט וואָס עס שרייבט וועגען דעם א רוסישער פויער, א שטונ־דיסט, זיינעם א בעקאַנטען:

„אויב מען וויל פערפיהרען א רעוואָלוציאָן, — שרייבט ער, — און די ערד זאָל בלייבען א פּריוואַט-אייגענטום, דעמאָלט, פער־שטעהט זיך, לוינט זיך גאָר נישט דער גאַנצער עסק. אַט לעבען אונזערע ברידער אין אויסלאַנד, אין רומעניען, איז דערצעהלען זיי, אז ס'איז דאָרטען פראַן א קאָנסטיטוציע; ס'זיינען אויך דאָ פּאַר־לאַמענטען. אָבער כמעט די גאַנצע ערד געפינט זיך ביי די פריצים אין די הענד, טאָ וואָס פאר א נוץ ברייננט דעם פאָלק אַט דער פּאַרלאַמענט? אין פּאַרלאַמענט, דערצעהלען זיי, איז מעהר ניט, וואָס מען טוט, אז איין פּארטיי רייסט זיך כסדר ארום מיט דער אנדערער, אָבער דאָס פאָלק איז שרעקליך פערקנעכט און איינפאַך צוגעשמידט צו די גוטסבעזיצער. די פריצים האָבען אויף זייערע גיטער כאַלופּקעס פאר פויערים. די ערד פערדינגען זיי געוויינליך די פויערים און ווי דער שטייגער איז נאָר אויף א יאָהר צייט. אויב דער פויער האָט גוט בעאַרבייט די ערד, דעמאָלט לאָזט דער פּריץ זעען די ערד אויף'ן צווייטען יאָהר, און דעם פויער גיט ער א שטיק ערד אין אַנאַנדער אָרט. די דאָזיגע אָרימע האָראָפּאַשניקעס לעבען אזוי אָב ביי איין פּריץ עטליכע יאָהר — און דער סוף איז, אז זיי בלייבען איהם נאָך שולדיג געלד. די רעגיערונג נעמט אוועק ביים פויער דאָס לעצט ביסעל אָרימקייט פאר פּאָדאַטקעס: דאָס פערד, די קוה, דעם וואָגען, דאָס אקער־אייזען, די מלבושים, דאָס בעט, די

געשיר, — אַלץ ווערט פערקויפט בחצי חינם. דער קבצן שלעפּט זיך דעמאָלט אוועק צו אַנאַנדער גוטס־בעזיצער, וואָס ער מיינט, אַז יענער האָט אַ בעסער הארץ. יענער גיט איהם טאַקי אָקסען, און אַקער־אייזען, זריעות, און אַנדערע נויטיגע זאַכען. אָבער לעבט ער דאָ אָב אַ געוויסע צייט, און עס חזר'ט זיך איבער די זעלבע געשיכטע. דעמאָלט געהט דער פּויער צו אַ דריטען פּריץ, א. ז. וו., אַ מעשה אָהן אַן עק. נאָך עפּים. די גוטסבעזיצער, וועלכע זעען אַליין, נעמען אַן ארבייטער אויף דער צייט, וואָס מען דאַרף די תבואות פון די פעלדער ארונטערנעמען. אָבער איינגעפיהרט איז ביי זיי דאָס די געצאָהלט זאָלען די ארבייטער בעקומען נאָר דאַן, ווען די גאַנצע ארבייט איז שוין אָבגעטאָן. און זעלטען ווער פון די גוטסבעזיצער בעצאָהלט דעם ארבייטער, וואָס עס קומט איהם; על פּי רוב — אָדער זיי בעצאָהלען גאָר נישט, אָדער נאָר אַ העלפט, וואָס עס קומט פון זיי. און ס'איז ניטאָ קיין קלאָגער און קיין ריכטער. אָט איז אייך אייער קאָנסטיטוציע! אָט וואָס איהר האָט פון אייער פּאַרלאַמענט!

„די ערד — אָט דאָס איז דער ערשטער נויטיגער תנאי, און דאָס פאָלק דאַרף זעהן מיט אַלע כחות צו דערשלאָגען זיך צו ערד. די פאַבריקען און די זאַוואָדען, אַזוי דיינק איך, וועלען במילא אריבער צו די ארבייטער. ווען די פויערים וועלען בעקומען די ערד, וועלען זיי אַרבייטען אויף איהר און לעבען ווי פרייע מענשען לעבען פון דער פּראַצע זייערער. דעמאָלט וועלען אַ גוזמא ארבייטער אַליין ניט וועלען ארבייטען אויף די פאַבריקען און די זאַוואָדען, און דער פּועל יוצא וועט זיין, אַז די קאָנקורענץ צווישען די ארבייטער וועט אַ סך שוואַכער ווערען. דעמאָלט וועלען זיך אויך העכערען די שכירות, און די ארבייטער וועלען זיין בכח צו אָרגאַניזירען זיך זייערע פעראיינען, זייערע קאַסען, וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען, און וועלען קענען אפילו אַליין קאָנקורירען מיט די בעלי־הבתים; דעמאָלט וועט זיך די בעלי־הבתים נישט לוינען צו האַלטען די פאַבריקען און זיי וועלען זעהן זיך מושוה זיין מיט די ארבייטער. די ערד — אָט דאָס איז דער הויפּט־פּונקט פון קאַמפּף,

דאָס מוז מען אויך געבען צו פערשטעהן די ארבייטער. אויב עס זאָל זיי שוין מיט מזל אָבגילטען, אז די שכירות זייערע זאָלען גע־העכערט ווערען, וועט דאָס גליק געדויערען נאָר א קורצע צייט, ביז וואנען דער אויפגערודערטער עולם וועט זיך בערוהיגען. און דערנאָך וועלען זיך די לעבענס־בעדינגונגען ווידער ענדערן, ווייל אויף איין פּלאַץ וועלען דאָך זיין, ווי די מעשה איז איצטער, צעהן הונגעריגע בעלנים. טאַ ווי־זשע וועט מען קאָנען דעמאָלט פאַר־דערען העכערע שכירות?"

אויב די ידיעות, וואָס עס ווערען געבראכט אין דעם בריעף מכח די פאראָנדקעס אין רומעניען, זאָלען זיין אפילו ניט אין גאנ־צען ריכטיג, און אויב אין אנדערע לענדער זאָל מען טאקי נישט טרעפען די אלע מיני אונטערדריקונגען, בלייבט דאָך פּאָרט קלאָר ארויסגעזאָגט דער תוך פון דעם ענין: ס'הייסט, אז דער עיקר, וואָס מען דארף האָבען בכדי די לאגע פון די ארבייטער זאָל פערבעסערט ווערען, איז פרייע ערד און גאָר.

.4

די ערד איז דער הויפּט־פּונקט פון קאמפף! — שרייבט אָט דער נישט־געלערנטער פּויער. בעת די געלערנטע סאָציאליסטען זאָגען, אז דער הויפּט־פּונקט פון קאמפף זיינען די זאוואָדען, די פאבריקען, און ערשט דערנאָך קומט די ערד. על פּי תורה פון די סאָציאליסטען קומט אויס, אז אויב די ארבייטער ווילען בעקומען ערד, דארפען זיי קודם כל קעמפפען מיט די קאפּיטאליסטען צוליעב דעם בעזיץ פון די זאוואָדען און די פאבריקען; און נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועלען שוין זיין די בעלי־הבתים פון די זאוואָדען און די פאבריקען, וועלען זיי אויך ארייננעמען צו זיך אין די הענד די ערד. מענשען איז נויטיג ערד, און דאָ קומען צוגעהן חכמים און דערצעהלען אייך באָבע־מעשיות, אז אויב איהר ווילט קריגען די ערד, מוזט איהר זי צוערשט אוועקוואַרפען, און דערנאָך שוין, דורך א קאָמפּליצירטען פּראָצעס, אויף וועלכען עס האָבען נביאות גע־זאָגט די סאָציאליסטישע נביאים, וועט איהר זי ווידער בעקומען

צוריק און אין צוגאָב צו איהר די זאַוואָדען און די פאַבריקען, וואָס איהר בעדאַרפט זיי אייגענטליך האָבען אויף כפרות. אזא מין פאָדערונג, ס׳הייסט אז דער ערד־אַרבייטער זאָל אריינקריגען די זאַוואָדען און די פאַבריקען, וואָס ער דאַרף זיי נישט האָבען, בכדי ער זאָל קענען אַריינקריגען דערנאָך די ערד, וואָס ער האָט נויטיג ווי דעם לעבען, דערמאָנט אייך אָן די קונצען פון איינינגע פּראָצענט־ניקעס. איהר בעט ביי אזא פּראָצענטניק אַן הלואה פון טויזענד רובעל, איהר דאַרפט קיין שום זאַך נישט א חוץ געלד, אָבער דער פּראָצענטניק ענטפערט אייך: „איך קאָן אייך ניט געבען בלויז טויזענד רובעל, אָבער נעמט ביי מיר פינף טויזענד; אין דעם סך הכל וועט זיין עטליכע הונדערט פוד זייף, וואָס איז ווערט פיער טויזענד, עטליכע שטיקער זייד, און נאָך אזעלכע זאַכען, וואָס איצטער דאַרפט איהר זיי דוקא ניט, און ערשט דאַן קאָן איך אייך געבען די נויטיגע טויזענד רובעל מזומנים.“

אָט פונקט אזוי פיהרען אוים די סאָציאַליסטען. נאָכדעם ווי זיי האָבען גאַנץ נישט־ריכטיג בעשלאָסען, אז די ערד איז א פּראָדוקציאָנס־מיטעל פון דעם זעלבען סאָרט, ווי א שטיינער א זאַוואָד אָדער א פאַבריק, — שלאָגען זיי פאָר די אַרבייטער, וועלכע ליידען נאָר דערפון, וואָס זיי האָבען ווייניג ערד, אז יענע זאָלען אָבשטעהן פון דער ערד, און זיך בעשעפטיגען מיט׳ן איינגעמען די פאַבריקען, וואו עס ווערען געמאַכט האַרמאַטען, ביקסען, פּאַרפיומען, זייף, שפּיגלען, סטענגעס, און אַלערהאַנדיגע לוקסוס־אַרטיקלען, און שוין נאָכדעם, ווען אָט די אַרבייטער וועלען זיך אויסלערנען גוט און שנעל מאַכען שפּיגלען און סטענגעס, זיי וועלען אָבער ווערען אונפעהיג צו ערד־אַרבייט, — זאָלען זיי דאַן אויך איינעמען די ערד.

5.

נעמט דעם אַרבייטער, וועלכער האָט פערוואָרפען דאָס לעבען אין דאָרף, אין דער פרייער לופט פון פעלדער, וועלדער און לאָנקעס. אין צעהן יאָהר אַרום, אָדער א מאָל אפילו אין א פּאָר דורות אַרום וועט איהר בעמערקען, ווי ער ווערט מלא שמחה, ווען דער בעל־

הבית גיט איהם אַ הייזקע אין אַ מגפה־לופט, מיט אַ גערטעל, וואָס פערנעהמט ד׳ אמות און אין וועלכען מען קאָן איינפלאַנצען אַ צעהנדליג אוגערקעס און צוויי סיעמעטשקעס. ווי מאָדנע עס זאָל ניט אויסזעהן אַזאַ פרייד, קאָן מען זי פון דעסטוועגען לייכט פערשטעהן.

די מעגליכקייט צו לעבען אויפ׳ן שויס פון דער נאַטור, זיך ערנעהרען פון דער מוטער־ערד מיט דער פּראַצע פון די אייגענע הענד, איז אַלע מאָל געווען און וועט אויך אַלע מאָל פערבלייבען דער עיקר פון די תנאים, וואָס מאַכען דאָס לעבען פון׳ם מענשען גליקליך און נישט־אבהענגיג. דאָס האָבען אַלע מענשען תמיד געוואוסט און וויסען דאָס היינט אויך, און דעריבער האָבען אַלע מענשען תמיד געשטרעבט, און הערען ניט אויף אויך איצטער צו שטרעבען און וועלען אייביג שטרעבען, ווי אַ פיש צום וואַסער, כאָטש־בי צו אַ שטיקעל עהנליכקייט פון אַזאַ לעבען.

וואָס־זשע איז די טענה פון דער סאָציאַליסטישער תורה? אַז פאַר׳ן מענשענ׳ס גליק איז גאָר ניט נויטיג צו לעבען אָט אַזוי צווישען געוויקסען און לעבעדיגע ברואים און דורך ערד־אַרבייט צו בעפרידיגען כמעט אַלע נויטווענדיגסטע פערלאַנגען. אַז, פערקעהרט, גליקליך קאָן מאַכען דעם מענשען נאָר אַ לעבען אין די פאַבריק־שטעדט מיט זייער מגפה־לופט, וואו עס ווערען אָבער וואָס וויטער אַלץ מעהר און מעהר פערגרעסערט די בעדירפניסען און וואָס די בעדירפניסען קאָן מען בעפרידיגען נאָר דורך די אונזיניגע אַרבייט אויף די פאַבריקען. און די אַרבייטער, וועלכע האָבען פערלאָרען די קעפּ אין די נסיונות פון פאַבריק־לעבען, גלויבען אין דעם און אַלע זייערע כחות נוצען זיי אויס צום קלעגליכען קאַמפּף מיט די קאַפּיטאַליסטען צוליעב אַרבייטס־שטונדען און צוליעב די פּאָר גראָשען, וואָס מען לעגט זיי צו די שכירות צו; און מיינען — מיינען זיי בשעת מעשה, אַז זיי טוען אויף אַ געוואַלדיגע העלדישקייט; בעת די איינציגע וויכטיגע זאַך, פאַר וועלכער די אָבגעריסענע פון דער ערד אַרבייטער האָבען גֶעדאַרפט אויסנוצען אַלע כחות זייערע, בעשטעהט אין דעם, אַז עס זאָל געפונען ווערען אַ מיטעל זיך אומצוקעהרען צום לעבען אויפ׳ן שויס פון דער נאַטור און צו דער ערד־

ארבייט. „אָבער — טענה'ן די סאָציאַליסטען — ווען עס זאָל שוין אפילו זיין ריכטיג, אז א לעבען אויפ'ן שויס פון דער נאַטור איז בעסער פאר א לעבען אין פאַבריק, איז די זאַך אַלץ איינס א פערפאַלענע: ביי היינטיגען טאָג זיינען שוין די פאַבריק־ארבייטער געוואָרען אזוי גרויס אין צאָהל און זיי האָבען שוין אזא לאַנגע צייט פערוואָרפען דאָס לעבען פון אַן ערד־ארבייטער, אז עס קאָן גאָר ביי זיי קיין רעד ניט זיין וועגען אומקעהרען זיך צוריק צום לעבען אין דאָרף. און דער עיקר דערפאר, וואָס דורך אזא מין אומקעהרען זיך צוריק אין דאָרף וועלען אָהן א שום נויט פערקלענערט ווערען אין צאָהל די פּראָדוקטען פון דער פאַבריק־אינדוסטריע, וועלכע שטעלען מיט זיך אייגענטליך פאָר די עשירות פון לאַנד. א חוץ דעם, אויב די מעשה וואָלט שוין אפילו ניט געווען אזוי, וואָלט דאָך אַלץ איינס ניט געקלעקט קיין פרייע ערד, וואו אַלע פאַבריק־ארבייטער זאָלען זיך קענען בעזעצען און ערהגעהרען זיך פון איהר."

אז דאָס אומקעהרען זיך פון די פאַבריק־ארבייטער צוריק צו דער ערד וועט בלומרשט פערקלענערען די עשירות פון דער וועלט, איז נישט ריכטיג, ווייל די ארבייטער קענען זיך לעבען אין דאָרף און אין דער זעלבער צייט אויך אָבגעבען א פּאָר שעה דער פאַב־ריק־אַרבייט ענטוועדער ביי זיך אין דער היים, אָדער אפילו אויף די פאַבריקען. ווען אָבער, אַלס רעזולטאַט פון אָט דעם איבערגאַנג, וועט זיך יע פערקלענערען די פּראָדוקציאָן פון נוצלאָזע און שעד־ליכע ארטיקלען, וואָס מען ארבייט אוים איצטער מיט א גוואַלדי־גער שנעלקייט אויף די גרויסע זאַוואָדען, און עס וועט אויפהערען די איבערפּראָדוקציאָן פון די נויטיגע ארטיקלען, וואָס איז איצטער א געוויינליכע ערשיינונג, און אַנשטאָט דעם וועט גרעסער ווערען די פּראָדוקציאָן פון תבואות, אויבסען, פרוכט, די צאָהל פון הויז־חיות, — וועט דאָס זיכער נישט פערקלענערען די עשירות פון דער וועלט, נאָר אדרבא זיי פערגרעסערען.

ווידער די צווייטע ראיה, דאָס עס וועט בלומרשט ניט קלעקען קיין ערד פאר אַלע פאַבריק־ארבייטער, ווען זיי זאָלען וועלען זיך בעזעצען אין דאָרף און זיך נעמען פאר ערד־ארבייט, איז אויך נישט

ריכטיג אַט פאַר וואָס: אין דאָס רוב מלוכות, אפילו אין אַזעלכע ווי ענגלאנד און בעלגיען, געפינט זיך ביי די רייכע גוטסבעזיצער אַזאַ גוזמא ערד, דאָס זי קען קלעקען בלתי ספק אלס אַ קוואַל פון חיונה פאַר אַלע אַרבייטער פון לאַנד; מען רעדט שוין ניט פון רוס־לאַנד, וואו מען קען בעזעצען אויף דער ערד פון די גרויסע פּריצים אַלע פאַבריק־אַרבייטער אי פון רוסלאַנד, אי פון אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז אַלץ גערעדט, ווען די בעאַרבייטונג פון דער ערד זאָל געבראַכט ווערען צו דער גאַנץ הויכער מדרגה, וואָס עס איז גאָר ניט שווער פאַר איהר צו דער־גרייכען מיט די נייעסטע ערפינדונגען און פערבעסערונגען פון דער אַגריקולטור־מאַשינעריי; אָדער די בעאַרבייטונג פון דער ערד זאָל כאָטש־בי דערגעהן ביז דער מדרגה, אויף וועלכער זי איז געשטאַנען צוריק שוין מיט טויזענדער יאָהרען אין כינאַ.

זאָל יעדערער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער דאָזיגער פראגע, איבערלייענען קראָפּאָטקינ׳ן צוויי ביכער „ברויט און פריי־הייט“ און „פעלדער, פאַבריקען און ווערקשטאַטען“, אויך פּאָפּאָוו׳ס זעהר אַ גוט ביכעל מיט׳ן נאָמען „דער „ברויט־גאָרטען“. מען וועט דאָ דייטליך דערזעהן, אין ס׳אַרא גוזמא מאָל עס קען זיך נאָך פער־גרעסערען, ביי אַ גוטער בעאַרבייטונג, די פּראָדוקציאָנס־קראַפט פון ערד־אַרבייט, און ווי פיעל מעהר מענשען, אין פערגלייך מיט היינט, קאָנען זיך ערנעהרען פון דעם זעלבען שטיקעל ערד. און אַז די קליינע ערד־בעזיצער וועלען אונבעדינגט איינפיהרען ביי זיך די פערבעסערטע מיטלען צום בעאַרבייטען די ערד זייערע, אַרום דעם איז גאָר קיין רעד ניט; אויב זיי וועלען נאָר ניט זיין געצוואונגען אַט אַזוי ווי איצטער, אוועקצוגעבען אַלע זייערע פערדינסטען צו גרויסע ערד־בעזיצער, ביי וועמען זיי דינגען די ערד, ווייל יענע זיינען באַין אופן ניט אויסען גרעסער צו מאַכען די פּראָדוקציאָנס־קראַפט פון דער ערד; וואָס דאַרפען זיי דאָס, אימשטיינס געזאָגט, אַז אָהן שום זאָרג און קאָפּ־דרעהענים בעקומען זיי פון זייער ערד אַ גרויסען פּראָפיט סיי ווי סיי.

מען זאָגט אונז: עס וועט ניט קלעקען קיין פרייע ערד פאַר

אַלע אַרבייטער, און דאַרום לוינט זיך ניט צו קלערען וועגען דעם, אַז די אַרבייטער זאָלען אַוועקנעמען פון די ערד־בעזיצער די ערד, וואָס יענע האָבען פערכאַפּט פאַר זיך.

אַזעלכע רעד זיינען גאָלער אומזין. וואָס וואָלט איהר געזאָגט, למשל, ווען אַ המון מענשען וואָלט אין אַ קאַלטען טאָג, אין אַ שטורם, צוגעגאַנגען צום טויער פון אַ נישט־פערנומענעם הויז און זיך גענומען בעטען ביים בעל־הבית פון הויז ער זאָל זיי אַריינלאָזען זיך אָנצואָוואַרעמען, און ער וואָלט זיך וועגען דעם אַזוי געטראַכט: „עס איז ניטאָ וואָס אַריינצולאָזען דעם המון אין הויז, ווייל פאַר זיי פאַר אַלעמען וועט דאָ קאַם זיין פּלאַץ.“ לאָזט אַריין יענע, וואָס בעטען זיך, און דערנאָך ווען זיי וועלען זיך איינמאָשטשען, וועט איהר שוין קענען אויסרעכענען, צו עס וועט זיין פּלאַץ פאַר אַלעמען אָדער נאָר פאַר אַ טייל פון די מענשען. און ווען עס זאָל אַפילו ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר אַלעמען, טאָ פאַר וואָס זאָל מען נישט אַריינלאָזען לכל הפחות יענע, פאַר וועמען עס געפינט זיך יע אַ פּלאַץ?

די זעלביגע געשיכטע איז אויך מיט דער ערד. ניט אַוועק די ערד, וואָס מען האָט פערכאַפּט פון די אַרבייטער און מען לאָזט זיי צו איהר ניט צו, אָט צו יענע, וועלכע בעטען זיך אַהין, און דערנאָך וועט מען שוין זעהן, צו עס איז דאָ גענוג ערד אָדער ווייניג ערד.

אָבער אַ חוץ די אַלע זאַכען, די גאַנצע טענה, דאָס פאַר דעם היינטיגען פאַבריק־אַרבייטער איז כלומר'שט ניט פראַן גענוג ערד, איז אין עצם גענומען אַן אומגערעכטע. אויב דער פאַבריק־אַרבייטער מוז איצטער אָנקומען צום געקויפטען ברויט, פערשטעהט מען לגמרי נישט, פאַר וואָס, אָנשטאָט צו קויפען דעם ברויט, וואָס אַנדערע בעשאַפען, זאָל ער אַליין טאַקי נישט געהן בעאַרבייטען דאָס שטיקעל ערד, וואו עס איז אויסגעוואַקסען דאָס ברויט, וואָס ער עסט, ס'מאַכט גאָר ניט אויס, אין וואָס פאַר אַ מקומות די דאָזיגע ערד ליגט: אין אינדיען, אַרגענטינאַ, אויסטראַליען אָדער סיביר. אויף אַזאַ'ן אופן האָבען קיין שום ווערט ניט די אַלע ראיות

וועגען דעם, פאר וואס די פאבריק־ארבייטער זאלען נישט דארפען זיך בעזעצען אין דארף. עס איז, פערקערט, קלאר ווי דער טאג, אז אזא׳ן איבערגאנג איז נישט נאר ניט שעדליך פאר׳ן וואוילזיין פון כלל, דאס וואלט נאך א סך פערגרעסערט די הצלחה און שוין גאר אהן א שום ספק וואלט דאס א סוף געמאכט צו די הונגער־יאהרען אין אינדיען, רוסלאנד און אנדערע לענדער, וואס קומען צוגעהן אזוי אפט און אזוי רעגעלמעסיג און וואס בעווייזען בעסער פון אלע ראיות, אז די איצטיגע פערטיילונג פון דער ערד איז נישט קיין ריכטיגע.

אמת טאקי, אז דארטען, וואו ס׳איז שטארק ענטוויקעלט די פאבריקען־אינדוסטריע, ווי א שטייגער ענגלאנד, בעלגיען און אייניגע אמעריקאנער שטאאטען, איז דאס לעבען פון די ארבייטער אויף אזוי וויים אוועק מיט׳ן קרומען וועג, אז עס וואלט געווען פאר זיי שוין זעהר שווער זיך אומצוקעהרען צוריק אין דארף. אבער מאלע וואס: שווער, זעהר שווער, פון דעסטוועגען מעגליך איז דאך פארט, אז זיי זאלען ווערען סוף כל סוף ערד־ארבייטער. און בכדי דער אריבערגאנג זאל יע געשעהן, דארף מען האבען קודם כל, אז די ארבייטער זאלען פערשטעהן, דאס דער אריבערגאנג איז נויטיג צוליעב זייער אייגענע טובה וועגען, און נעמען זוכען מיטלען, ווי אזוי איהם דורכצופיהרען. זיי זאלען אבער נישט, ווי זיי טוען עס איצטער און ווי עס לערנט זיי די סאציאליסטישע תורה זייערע, אננעמען פאבריק־שקלאפעריי אלס אן אייביגען צושטאנד, וואס קען נישט גע־ענדערט ווערען און וואס ס׳איז נאר מעגליך צו מאכען לייכטער, אבער באין אופן נישט צו פערניכטען.

די ארבייטער, וועלכע האבען פערלאזען די ערד און לעבען פון דער פאבריק, נויטיגען זיך אויך נישט אויף אזא דרך — ניט אין פעראיינען, און ניט אין קארפאראציעס, און ניט אין סטרייקס, און ניט אין דעם קינדישען שפאציר מיט פאהנען דעם ערשטען מאי, און ניט אין די אלע זיעבען זאכען; זיי נויטיגען זיך נאר אין איין זאך: זוכען מיטלען, ווי אזוי צו בעפרייען זיך פון דער פאבריק־שקלאפעריי און זיך צו בעזעצען אויף דער ערד, וואס די

איינציגע שטערונג דערצו איז די גזלה פון די בעלי־הבתים, וועלכע האבען פערכאפט די ערד און אליין ארבייטען זיי נישט אויף איהר. אט דאס דארפען די ארבייטער בעטען, פארדערן פון זייערע הער־שער. און פארדערענדיג אזא זאך, וועלען זיי פארדערען ניט עפעס אזוינס, וואס איז זייער פרעמד, וואס געהערט צו זיי ניט, נאר מען זאל זיי אוועקגעבען צוריק א רעכט, וואס איז אונבעשטרייטבאר, וואס טאר פון קיינעם ניט צוגענומען ווערען, וואס ליגט אין דער טבע פון יעדען לעבעדיגען בעשעפענים — ס'הייסט דאס רעכט צו לעבען אויף דער מוטער־ערד און ציהען פון איהר די חיונה און נישט דארפען דערביי בעטלען די ערלויבנים פון אנדערע מענשען.

אט פאר דאס רעכט מוזען קעמפפען אין די פארלאמענטען די פערטרעטער פון די ארבייטער; דאס מוז פרעדיגען די פרעסע, וואס פערטיידיגט דעם ארבייטער'ס אינטערעסען; צו דעם קאמפף מו־זען זיך צוגרייטען די פאבריק־ארבייטער גופא.

דאס איז דער כלל מיט די ארבייטער, וועלכע האבען שוין פערלאזען די ערד. אבער בנוגע די ארבייטער, דערהויפט די רו־סישע ארבייטער, וואס 98 פראצענט פון זיי לעבט נאך אין דארף אויף דער ערד, איז פאר זיי נאר די פראגע אין דעם, מיט וואס פאר א מיטלען זיי זאלען קענען פערבעסערען זייער לאגע, ניט דאר־פענדיג בעת מעשה פערלאזען די ערד און אריינווארפען זיך אין די נסיונות פונ'ם פאבריק־לעבען.

נאר איין מיטעל איז דא דערצו: אבגעבען די ארבייטער צו־ריק די ערד, וואס געפינט זיך איצטער אין דעם רשות פון די גרויסע ערד־בעזיצער.

פערפיהרט אויף א טשיקאווען א שמועס מיט'ן ערשטען רו־סישען פויער, וועלכער ארבייט אין שטאדט, מכח דעם, פאר וואס עס לעבט זיך איהם אזוי ניט־גוט, וועלען זיי אייך אלע ענטפערען אין איין קול: ניטא קיין ערד, ניטא צו וואס א האנד צוצולעגען.

און אט דא ביי אונז אין רוסלאנד, וואו דאס פאלק האלט אין איין בעקלאגען זיך, אז דאס האט ווייניג ערד, קומען צוגעהן מענ־שען מיט'ן געדאנק צו דיענען דעם פאלק און נעמען פראפאגאנדי־

רען ניט וועגען מיטלען, ווי אזוי מען קערט זיך אום צוריק די אוועק־גענומענע ערד, נאָר וועגען די מיטלען, מיט וועלכע מען זאָל קעמ־פפען אין די פאַבריקען מיט די קאַפּיטאַליסטען.

אָבער שוים־זשע דאַרפען אַ ל ע לעבען אין דאָרף און זיך פּערנעמען מיט ערד־אַרבייט? וועלען פרעגען מענשען, וועלכע האָבען זיך שוין אזוי שטאַרק צוגעוואוינט צום אונגאַטירליכען לע־בען פון דעם איצטיגען דור, אז מיין מיטעל קוקט אוים ביי זיי עפּים ווילד און גאָר אונמעגליך אויסצופיהרען. אָבער פאַר וואָס זאָלען אַ ל ע טאַקי ניט לעבען אין דאָרף און ניט בעשעפטיגען זיך מיט ערד־אַרבייט? אויב עס וועלען זיך פּאָרט געפינען אזוינע מענשען מיט אזא משונה'דיגען געשמאַק, אז די שקלאַפעריי פון דער פאַבריק וועט זיי בעסער געפעלען ווי דאָס לעבען אין דאָרף, מהיכא תיתא, זאָלען זיי געהן געזונדערהייט אין פאַבריק אריין. דער עיקר איז, אז יעדער מענש זאָל ה אָ ב ע ן ד י מ ע ג־ ל י כ ק י י ט צו לעבען ווי אַ מענש. ווען מיר זאָגען, אז ס'איז ווינשענסווערט, דאָס יעדער מענש זאָל האָבען די מעגליכקייט אויפצוהאַלטען אַ געזינד, מיינען מיר ניט חלילה, דאָס איטליכער איז מחויב חתונה צו האָבען און האָבען קינדער; מיר מיינען נאָר, אז שלעכט און מיאוס איז די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע גיט ניט דעם מענשען אָט די מעגליכקייט.

6.

נאָך אין די צייטען פון פּאַנשטשינע, לייב־אייגענטום, פלעגען די פּויערים האָבען אַ טבע צו זאָגען צו זייערע פריצים: „מיר זיי־נען אייערע, אָבער די ערד איז אונזערע." ס'הייסט, זיי האָבען אנערקענט, אז ווי עס זאָל נישט זיין אכזריות'דיג און נישט געזעצ־ליך דאָס, וואָס איין מענש איז אַ בעל־הבית איבער'ן צווייטען, איז נאָך מעהר אכזריות'דיג און נישט־געזעצליך דאָס, וואָס די ערד געהערט צו אַ מענשען, וועלכער ארבייט ניט אויף איהר. אמת, פאַר דער לעצטער צייט הויבען אָן אייניגע רוסישע פּויערים נאָכצו־מאַכען די פריצים און קויפען ערד, האַנדלען מיט ערד, האַלטענדיג

דאָס ערד־אייגענטום פאר א געזעצליכע זאך, און נישט האָבענדיג שוין מורא, אז מען וועט זי ביי זיי אָבנעמען. אָבער האַנדלען — האַנדלען אזוי נאָר גאַנץ ווייניג מענשען, לייכטזיניגע און פערבלענדעטע פון זשעדניקייט. אָבער דאָס רוב, אלע אמת'ע רוסישע ערד־ארבייטער, גלויבען שטייף אין דעם כלל, אז די ערד קאָן ניט זיין און [illegible] ניט זיין דאָס אייגענטום פון מענשען, וועלכע אַרבייטען ניט אויף איהר; און אז אויב די ערד געפינט זיך איצטער ביי יענע, וועלכע אַרבייטען נישט און וועלכע האָבען זי צוגענומען פון אַנדערע, וועלכע ארבייטען יע, טאָ וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט זי אָבנעמען צוריק פון די, וואָס בעל־הבית'עווען איצטער איבער איהר, און זי וועט ווערען, ווי זי מוז טאקי זיין, אַלעמענ'ס אייגענטום. און אין דעם גלויבען זייערען, אַז אזוי וועט עס זיין און וואהרשיינליך גיך זיין, זיינען די רוסישע פויערים אין גאַנצען גערעכט. עס איז געקומען די צייט, ווען מען האָט דייטליך איינגעזעהן, דאָס עס ווערט בעגאַנגען אַן אונרעכט, אַ נאַרישקייט, און א גרויזאַמקייט, אַז מען לאָזט בעזיצען די ערד מענשען, וועלכע אַרבייטען אויף איהר נישט; אַקוראַט ווי צוריק פאר 50 יאָהר האָט מען אויך אזוי דייטליך איינגעזעהן, דאָס אַן אונרעכט, אַ נאַרישקייט און אַ גרויזאַמקייט ווערט געטאָן, ווען מען לאָזט דעם פריץ בעזיצען לייב־שקלאַפען. צו דערפון, וואָס עס זיינען פערשוואונדען געוואָרען אַנדערע מיטלען פון אונטערדריקונג, אָדער דערפון, וואָס די מענשען אויף דער וועלט זיינען גרעסער געוואָרען אין צאָהל, אָדער דערפון וויבער, וואָס די וועלט איז געוואָרען מעהר געבילדעט, מעהר אויפגעקלערט, — אָבער אלע, ממש אַלע (סיי די, וואָס בעזיצען ערד, און סיי די, וואָס האָבען קיין ברעקעל ערד נישט) זעהן שוין איצטער גאַנץ קלאָר איין זאך: אַז אויב ביים פויער, וועלכער אַרבייט שווער און ביטער און האָט אָבגעפּראַצעוועט דאָס גאַנץ לעבען, איז ניטאָ גענוג ברויט, ווייל עס איז ניטאָ גענוג ערד, וואו דאָס צו זעען; אויב ביים פויער איז ניטאָ קיין מילך פאר די קינדער און פאַר די אַלטינקע, ווייל ער האָט ניט וואו די בהמות צו פאַשען; אויב דער פויער האָט ניט אַן אייגענעם שייטעל האָלץ, מיט וואָר

צו פערריכטען זיין צופוילטע כאַלופּקע אָדער מיט וואָס זי דורכ־צוהייצען; און אז אין דער זעלבער צייט דער פּריץ, וועלכער טוט ניט איין אַ פינגער אין קאַלט וואַסער, פּאַרוואַוינט גרויסע גערוימע שטיבער, פּיטערט מיט מילך יונגע הינטלעך, בויט הייזלעך אין סאָד און שמאַהלען מיט פּאַלירטע שויבען, פערנעמט צעהנדליגע טויזענד דעסיאַטין ערד מיט וועלדער, פּאַרקען און לאָנקעס צו פּאַ־שען שעפּסען, פערלעבט און עסט אויף אין אייך וואָך אזא גוזמא, דאָס עס וואָלט געוועזען גענוג צו ערנעהרען דערמיט אַ ערך אַ יאָהר צייט די גאַנצע הונגעריגע בעפעלקערונג פון דעם דערבייאיגען דאָרף; — טאָ איז די ראיה דערפון, דאָס אזא מין סדר פון לעבען טאָר נישט פערבלייבען אויף ווייטער. דאָס אונרעכט, די נאַרישקייט און די גרויזאמקייט פון אזא מין צושטאַנד וואַרפט זיך איצטער יעדערען אין די אויגען, אזוי ווי פריהער האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען דאָס אונרעכט, די נאַרישקייט און די גרויזאמקייט פון דער פּאַנ־שטשינע. און ווי באַלד מענשען זעהען איין קלאָר דאָס אונרעכט, די נאַרישקייט און די גרויזאמקייט פון אַ וועלכער ניט איז פון זייערע איינריכטונגען, ווערט שוין דערמיט אליין אונפערמיידליך אוועקגע׳הרג׳עט די דאָזיגע איינריכטונג. אויף אזא׳ן אופן האָט זיך געענדיגט די פּאַנשטשינע, און אויף אזא׳ן אופן מוז זיך ענדי־גען און זעהר גיך ענדיגען דאָס פּריוואַט־אייגענטום אויף ערד.

7.

דאָס ערד־אייגענטום מוז אונפערמיידליך מבטל ווערען, ווייל דאָס אונרעכט, די נאַרישקייט און די גרויזאמקייט פון אָט דער איינריכטונג איז געוואָרען צו קלאָר פאַר יעדען איינעם. די פראַגע איז נאָר: אויף וואָס פאַר אַ דרך וועט דאָס מבטל ווערען? דאָס לייב־אייגענטום און שקלאַפעריי, ניט נאָר אין רוסלאַנד, אָבער אויך אין אַלע לענדער, זיינען מבטל געוואָרען דורך אַ בעפעהל פון דער רעגיערונג. וועט מען פרעגען: פאַר וואָס טאַקי אין דער אמת׳ן זאָל אויך דאָס ערד־איי־גענטום נישט קאָנען מבטל ווערען דורך אַ בעפעהל פון דער רע־

גירונג? אָבער עס איז אַ גרויסער צווייפעל, אויב די רעגיערונג זאָל אַזאַ בעפעהל קענען אָבגעבען אָדער זי זאָל ווען עס איז פּועל'ען ביי זיך דאָס צו טאָן.

אַלע רעגיערונגען בעשטעהען פון מענשען, וועלכע לעבען פון פּרעמדער פּראַצע. ערד־אייגענטום גיט די מעגליכקייט צו פיהרען אָט אַזאַ לייכט לעבען בעסער פון אַלע אַנדערע זאַכען. ניט נאָר, וואָס די הערשער און די גרויסע ערד־בעזיצער וועלען קיין מאָל ניט צולאָזען, אַז עס זאָל מבטל ווערען ערד־אייגענטום, נאָר אפילו יענע, וואָס האָבען ניט צו טאָן מיט'ן רעגיערען און מיט'ן ערד־בעזיץ, אַ שטייגער די בעאַמטע, די קינסטלער, די געלערנטע, די סוחרים, די וואָס דיענען ביי רייכע מענשען, פיהלען אינסטינקטיוו, אַז ווען עס זאָל ניט זיין קיין ערד־אייגענטום, וואָלט זיי פּערזענליך ניט געווען אַזוי גוט צו לעבען אויף דער וועלט. און מחמת דעם, אָדער זיי פערטיידיגען אַלע מאָל דאָס ערד־אייגענטום, אָדער, ווען זיי גרייפען אָן אַנדערע ערשיינונגען, וועניגער וויכטיגע, ריהרען זיי קיין מאָל ניט אָן די פראַגע פון ערד־אייגענטום.

אַלס אַ מערקווירדיג ביישפּיעל פון אַזאַ סאָרט פערהאַלטען זיך צו דער פראַגע מצד די רייכע קלאַסען, קאָן דיענען די ענדערונג אין דעם קוק אויף ערד־אייגענטום, וואָס מיר בעמערקען אין דעם בעריהמטען ענגלישען דענקער הערבערט ספּענסער. ביז וואַנען הערבערט ספּענסער איז געווען אַ יונגער מאַן, אַן אָנפאַנגער, און האָט ניט געהאַט קיין שום פערבינדונגען מיט די רייכע און די הערשענדע קלאַסען, האָט ער געקוקט אויף דער פראַגע פון ערד־אייגענטום פּונקט אַזוי, ווי עס דאַרף קוקען אויף דער פראַגע איטליכער מענש, וואָס איז פריי פון זייטיגע געדאַנקען: ער האָט דאָס ערד־אייגענטום פערדאַמט אויפ'ן סאַמע ראַדיקאַלען אופן, בעווייזענדיג מיט אותות ומופתים ווי אונגערעכט דאָס איז. אָבער עס זיינען אַוועק אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר, הערבערט ספּענסער, דער פריערדיגער יונגער מאַן אָהן אַ נאָמען, איז געוואָרען אַ בעריהמטער שרייבער, וועלכער האָט פערבונדען בעקאַנטשאַפט מיט דער הערשענדער קלאַס און די גרויסע ערד־

בעזיצער, און ער האָט אזוי גרינדליך געענדערט זיין קוק אויף ערד־אייגענטום, דאָס ער האָט געזעהן צו פערניכטען אַלע אויסגאַבען פון זיינע ביכער, וואו ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין אַזאַ קרעפטיגער שפּראַך געגען די נישט־געזעצליכקייט פון ערד־אייגענטום.

אָט אַזוי קומט דאָס אויס, אז דאָס רוב רייכע מענשען פיהלען אויב נישט בעוואוסטזיניג, וועניגסטענס אינסטינקטיוו, דאָס זייער וואוילזיין האַלט זיך אויף ערד־אייגענטום. און דערפאַר איז דאָס וואָס די פּאַרלאַמענטען, כלומר'שט זאָרגענדיג פאַר דער טובה פון פאָלק, שלאָגען פאָר די פערשידענסטע מיטלען, וואָס זאָלען פערבעסערען די לאַגע פון פאָלק, און בעשפּרעכען די מיטלען, און פּרופען אפילו די מיטלען דורכצופיהרען; אָבער זיי וועלען קיין מאָל ניט פאָרשלאָגען, בעשפּרעכען און פּרופען דורכצופיהרען דאָס איינציג מיטעל, וואָס איז בכח צו פערבעסערען אויף אַן אמת די לאַגע פון פאָלק און אין וועלכען דאָס פאָלק נויטיגט זיך, — ד. ה. די פערניכטונג פון ערד־אייגענטום.

דעריבער, איידער מען געהט פערענטפערען די פראַגע פון ערד־אייגענטום, דאַרף מען אַ פריער צושלאָגען די פערשווערונג, וואָס בעשטעהט דערין, אַז פון דער פראַגע זאָל מען מיט אַ כיון נישט רעדען. אַזאַ פערשווערונג איז געמאַכט געוואָרען אין די לענדער, וואו די פּאַרלאַמענטען האָבען אַ חלק אין דער הערשאַפט. אָבער אין רוסלאַנד, וואו די גאַנצע הערשאַפט געפינט זיך ביים קייסער אין די הענד, איז נאָך וועניגער מעגליך, אז ערד־אייגענטום זאָל מבטל ווערען. אייגענטליך אין רוסלאַנד, רעדט זיך נאָר אזוי, דאָס דער קייסער האָט די גאַנצע מאַכט. אין דער אמת'ען ליגט די מאַכט אין די הענד ביי הונדערטער מענשען פון דער גאָס — דעם קייסער'ס קרובים אָדער מקורבים, וועלכע צווינגען איהם צו טאָן דאָס, וואָס זיי ווילט זיך. און די אַלע מענשען בעזיצען יעדערער בעזונדער אַ גרויסען שטח ערד, און דערפאַר וועלען זיי דאָס קיין מאָל ניט צולאָזען, אַז דער קייסער זאָל אַרויסנעמען די ערד פון דעם רשות פון די פריצים, אויב ער זאָל דאָס אפילו יע וועלען. ווי שווער עס איז ניט געווען דעם קייסער, וועלכער האָט בעפרייט די

פויערים, צו צווינגען די מקורבים זיינע אויפצוגעבען לייב־אייגענ־טום, האט ער דאס דאך געקאנט אויספיהרען, ווייל די ערד איז נאך אלעמען געבליבען ביי זיי. ווען אבער דעם קייסער׳ס קרובים און מקורבים זאלען זיין געצוואונגען אויפצוגעבען די ערד, ווייסען זיי גאנץ גוט, אז זיי פערלירען דורך דעם די לעצטע מעגליכקייט צו לעבען אזוי, ווי זיי זיינען געוואוינט צו לעבען.

ריכטען זיך אלזא אויף דעם, דאס די רעגיערונגען אין אלגע־מיין און אין רוסלאנד דער קייסער זאלען בעפרייען די ערד, — קען מען בשום אופן נישט.

אבצונעמען מיט געוואלט פון די פריצים די ערד, וואס זיי ווילען נים אוועקגעבען, איז ווידער נים־מעגליך דער־פאר, וואס די מאכט פון דער געוואלט־טעטיגקייט וועט תמיד זיין אויף דעם צד פון די מענשען, וועלכע האבען שוין אריינגעכאפט צו זיך אין די הענד די הערשאפט. און ערווארטען, אז די בעפרייאונג פון דער ערד זאל פארקומען נאכ׳ן מיטעל, וואס די סאציאליסטען שלאגען פאר, ד. ה., זיך צוגרייטען אומצובייטען די תנאים פון א גוטען לעבען אויף די ערגסטע בעדינ־גונגען, וואס מען קען זיך נאר אבמאלען, און זיך טרייסטען בשעת מעשה מיט משיח׳ס צייטען — איז שוין גאר אן אונזין.

יעדער פערנינפטיגער מענש זעהט, אז נים נאר וואס דאס לעצטע מיטעל בעפרייט נישט, דאס מאכט אדרבא די ארבייטער וואס וויי טער אלץ פאר גרעסערע שקלאפען ביי די בעלי־הבתים זייערע, און אין דער צוקונפט וועט דאס פערשקלאפע די ארביי־טער צו יענע משגיחים, וואס וועלען אריינקריגען די דעה איבער דעם נייעם סדר פון לעבען. ווארטען, אז די פערניכטונג פון ערד־אייגענטום וועט קומען דורך א פאלקס־רעגיערונג (פארלאמענט), אדער, ווי דאס ווארטען שוין די רוסישע פויערים א צייט מיט יאהר־רען, דורכ׳ן גוטען ווילען פון קייסער, איז נאך אונזיניגער, ווייל אלע מקורבים פונ׳ם קייסער און דער קייסער גופא בעזיצען יעדער בעזונדער א געוואלדיג־גרויסען שטח ערד, און הגם זיי וועלען אייך זאגען מיט א פרומען צבועצישען פנים, דאס די טובה פון פויער

ליגט ביי זיי איינגעבאַקען אין האַרצען, — וועלען זיי קיין מאָל נישט געבען די פויערים די איינציגע זאַך, אין וואָס יענע נויטי־גען זיך, ס'הייסט ערד, ווייל זיי ווייסען, דאָס אָהן זייערע רייכע מאַיאָנטקעס וועלען זיי ניט קענען פוסט־און־פּאַסעווען און לעבען א גוטען טאָג פון דעם פאָלק'ס פּראַצע.

וואָס־זשע פּאָרט דאַרפען טאָן די אַרבייטער אום צו בעפרייען זיך פון דעם אונטערדריקטען צושטאַנד, אין וועלכען זיי געפינען זיך?

.8

אויפ'ן ערשטען קוק זעהט אויס די מעשה, ווי מען וואָלט דאָ גאָר נישט געקענט מאַכען, און אַז די אַרבייטער זיינען אַזוי געבונ־דען, דאָס עס איז נישטאָ פאַר זיי קיין שום מעגליכקייט צו בע־פרייען זיך. אָבער דאָס זעהט נאָר אויס אַזוי אויפ'ן ערשטען קוק. די אַרבייטער דאַרפען זיך נאָר א גראָב טאָן אין די סבות פון זייער פערשקלאַפונג, און זיי וועלען דערזעהן, אַז ניט די בונטען, און ניט דער סאָציאַליזמוס, און ניט די רעגיערונגען און אין רוסלאַנד ווידער ניט דער קייסער וועט זיי העלפען; דאָס זיינען אַלץ פוסטע האָפ־נונגען. זיי האָבען אַנאַנדער מיטעל בעפרייט צו ווערען, און דערצו אַזאַ מיטעל, וואָס קיין מענש ניט און קיין זאַך ניט קענען זיי ניט שטערען דעריין; א מיטעל, וואָס איז אַלע מאָל געלעגען ביי זיי אַליין אין די הענד און ליגט ביי זיי אין די הענד איצטער אויך.

און, דער אמת געזאָגט, איז דאָך פּהאַן נאָר איין איינציגע סבה, וואָס די אַרבייטער וואַלגערן זיך אין אביונות. און די סבה איז, אַז די פּריצים בעל־הבית'עווען איבער דער ערד, וואָס עס דאַרפען האָ־בען די אַרבייטער. אָבער וואָס־זשע ניט די פּריצים די מעגליכ־קייט צו בעזיצען אָט די ערד?

ערשטענס: אויב עס זאָל זיך מאַכען, אַז די אַרבייטער זאָלען פאַרופען צו בענוצען זיך אָט מיט דער ערד פון די פּריצים, ווערן באַלד אַרונטערגעבראַכט סאָלדאַטען, און יענע וועלען אַוועקטרייבען, ממית'ען, צום טויט דער'הרג'ען די אַרבייטער, וועלכע האָבען פּער־

כאַפּט די ערד מיט געוואַלט, און זיי וועלען זי אומקערען צוריק צו די ערד־בעזיצער. און די סאָלדאַטען זיינען דאָך אַליין געוועזענע אַרבייטער, אַט אַזוי ווי איהר. אַלזאָ, איהר אַליין, אַרבייטער, דערמיט וואָס איהר געהט אין סאָלדאַטען און פאָלגט די מיליטערישע בעאַמטע, גיט איהר די פּריצים די מעגליכקייט צו בעזיצען די ערד, וועלכע דאַרף על פּי יושר געהערען צו אייך. (וועגען דעם, אַז אַ קריסט קען נישט זיין קיין סאָלדאַט, ד. ה., געבען אַ שבועה אַוועקצו’הרג’ען לעבעדיגע מענשען, און אַז ער איז מחויב זיך אָבצוזאָגען פון געברויכען געוועהר, האָב איך שוין אַ סך מאָל געשריבען און אויך געפּרופט צו בעווייזען מיט פּסוקים פון ברית חדשה, פאַר וואָס יעדער קריסט מוז אַזוי האַנדלען.)

אָבער אַ חוץ דעם, וואָס מיט אייער אַנטייל נעמען אין דעם מיליטער, גיט איהר די פּריצים די מעגליכקייט צו בעזיצען ערד, וואָס איז אַלעמענ’ס אייגענטום און, אויב אַזוי, אויך אייער אייגענטום, — גיט איהר די פּריצים די דאָזיגע מעגליכקייט אויך דערמיט, וואָס איהר אַרבייט ביי זיי אויף דער ערד און וואָס איהר דינגט זי ביי זיי אָב. איהר, אַרבייטער, דאַרפט נאָר אויפהערען דאָס צו טאָן, און דער בעזיץ פון ערד וועט תיכף ווערען פאַר די פּריצים נישט נאָר אונניצליך, אויך אונמעגליך, און זייער ערד וועט דעמאָלט ווערען אַלעמענ’ס אייגענטום. ווי שטאַרק די פּריצים זאָלען זיך ניט אָנשטריינגען צו פערבייטען די אַרבייטער אויף מאַשינען און אָנשטאָט אַקערן די פעלדער צו פיטערן פיה און צו פערשפּרייטען וועלדער, קענען זיי דאָך נישט אויסקומען אָהן אַרבייטער, און איינער נאָכ’ן אַנדערען וועלען זיי זיך אָבזאָגען פון זייערע מאַיאָנטקעס.

איהר זעהט אויף אַזאַ’ן אופן, אַרבייטער, אַז דאָס מיטעל בעפרייט צו ווערען פון אייער פערשקלאַפּטען צושטאַנד בעשטעהט נאָר אין דעם, וואָס איהר זאָלט קומען צום שכל און פערשטעהן, אַז בעזיצען ערד איז אַ פערברעכען, און איהר זאָלט דאַרום ניט נעמען קיין שום אַנטייל אין דעם פערברעכען, ניט אַלס סאָלדאַטען ווען מען וועט אייך הייסען אַוועקנעמען די ערד ביי די, וואָס אַרבייטען אויף

איהר, און נישט געהן אליין ארבייטען צו די פּריצים אויף די מאַ־יאָנטקעס, און אויך נישט נעמען די פּריצישע ערד אין ארענדע.

.9

„אָבער, וועט מען אונז זאָגען אויף דעם, דאָס מיטעל נישט צו געהן אין סאָלדאטען, און נישט ארבייטען אויף די פּריצישע פעל־דער, און נישט דינגען ביי די פּריצים זייער ערד, וואָלט געהאט עפּים א ממשות נאָר דעמאָלט, ווען די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט זאָלען אָבמאַכען צווישען זיך נישט צו געהן אין סאָלדאטען, און נישט צו ארבייטען פאר די פּריצים און נישט צו דינגען די פּריצישע ערד, און אזא זאַך איז נישט געמאָלט און קען נישט געמאָלט זיין. אויב איין טייל פון די ארבייטער זאָל זיך יע מישב זיין און אויפהע־רען צו געהן אין סאָלדאטען און ארבייטען אויף די פּריצישע מאַ־יאָנטקעס און נעמען ביי די פּריצים ערד אין ארענדע, דעמאָלט וועלען קומען די איבעריגע ארבייטער, אָפּטמאָל ארבייטער פון אנדערע פעלקער, און זאָגען, אז דער פערבאָט איז פאר זיי קיין פערבאָט נים. און דער סוף וועט זיין, אז די פּריצים וועלען נישט געשטערטערהייט בעזיצען די ערד ווי ביז אהער. און יענע ארבייטער, וועלכע האָבען זיך אָבגעזאָגט אנטייל צו נעמען אין דעם ערד־בעזיץ, וועלען אויף אזא׳ן אופן נאָך אומזיסט און אומנישט פערלירען זייער לעצט ביסעל ווינאָרעס, וואָס זיי האָבען, און די אלגעמיינע לאַגע וועט דורך דעם ניט ווע־רען אויף א האָר לייכטער.“ דער ארגומענט איז א גאנץ ריכטיגער, אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען? ווען עס וואָלט זיך האנד־לען וועגען א סטרייק. אָבער דאָס, וואָס איך שלאָג פאָר, איז דאָך נים קיין סטרייק. איך שלאָג פאָר ניט קיין סטרייק, נאָר א גאנץ איינפאכע זאַך: אז די ארבייטער זאָלען זיך אָבזאָגען אריינצו־טרעטען אין מיליטער, וואָס געברויכט געוואלט איבער זייערע ברי־דער, און זיך אָבזאָגען צו ארבייטען אויף די פּריצישע פעלדער און צו האלטען אין ארענדע די פּריצישע ערד. ניט דערפאַר שלאָג

איך דאָס פּאַר, וואָס דאָס ברייננט די אַרבייטער ווענינ נוץ און טוט אָן אויף זיי די קייטען פון אַ שקלאַף, נאַר דערפאַר, וואָס דאָס אַלץ איז אַן עבירה, און פון דער עבירה איז יעדער מענש מחויב זיך אָבצוהיטען, ווי ער היט זיך אָב ניט נאַר פון רציחה, גנבה, גזלה און ד. גל., אָבער אויך היט ער זיך אָב אַנטייל צו נעמען אין די דאָזיגע שלעכטע מעשים. און אַז אַנטייל נעמען אין דעם אונגעזעצליכען ערד־אייגענטום און אויפהאַלטען דאָס געשעפט איז אַ זינד, דערין קען קיין שום ספק ניט זיין פאַר די אַרבייטער. זיי דאַרפען זיך נאַר אַ גראָב טאָן אין דעם, וואָס פאַר אַ בעדייטונג עס האָט אָט זייער אַנטייל נעמען אין דעם ערד־בעזיץ פון די פּוסט־און־פּאַסני־קעס. מחמת, אויפצוהאַלטען דאָס אייגענטום אויף דער ערד פון די פּריצים איז דאָך אַלץ איינס ווי צו פערשאַפען נויט און יסורים טויזענדער מענשען; איז אַלץ איינס ווי צו זיין דער מלאך המות פון די, וואָס האָבען ניט גענוג צו עסען, און פון די, וואָס האָרעווען איבער די כחות, און פון די אַלטינקע און די קינדער, וואָס שטאַרבען פאַר דער צייט, — בקיצור פערשאַפען די אַלע צרות, וואָס דער פּויער שטעהט אויס, ווייל ער קען ניט באַקומען די ערד, וואָס די פּריצים האָבען פערכאַפּט צו זיך.

און אויב דאָס קומט אַרויס דערפון, וואָס די פּריצים בעזיצען די ערד, — און יעדער איינער זעהט דאָך בעשיינפּערליך, אַז די מעשה איז טאַקי אַזוי, — דאַרף דאָך אויך זיין קלאָר פאַר אַלעמען אין דער זעלבער צייט, אַז נעמען אַנטייל אין דעם ערד־בעזיץ פון די פּריצים און איהם אויפהאַלטען, איז אַ גרויסע זינד, פון וועלכער עס דאַרף זיך אָבהי־טען איטליכער מענש. הונדערטער מיליאָנען מענשען גאָר אָהן אַ שום סטרייק האַלטען פאַר אַ זינד געבען געלד אויף פּראָצענט, גנב'ען, אוועק'הרג'ען אַ מענשען און אַ סך אַנדערע מעשים, און דעריבער היטען זיי זיך אָב פון די אַלע מעשים. אָט פּונקט אויף אַזאַ'ן אופן דאַרפען אויך האַנדלען די אַרבייטער בנוגע ערד־אייגענטום. זיי זעהען דאָך מיט די אייגענע אויגען, ווי אונגעזעצליך אַזאַ מין אייגענטום איז, און האַלטען עס פאַר אַ

מיאום'ע גרויזאמע זאך. טא פארוואס־זשע, ווענינ נאך וואס זיי נעמען אנטייל אין דעם אייגענטום, האלטען זיי דאס נאך אויף?

.10

ווי איהר זעהט, שלאג איך פאר נישט קיין סטרייק. איך שלאג פאר, איהר זאלט זיין קלאר בעוואוסט, אז ס'איז א זינד און א פערברעכען אנטייל צו נעמען אין ערד־אייגענטום און, אלס דער פועל יוצא פון אזא בעוואוסטזיין, זאלט איהר זיך אבהיטען איינטייל צו נעמען אין דעם. אמת, אזא מין אבהיטען זיך פעראייניגט ניט אין איין בעשלוס, ווי ס'איז די מעשה מיט א סטרייק, אלע מענשען, וועלכען זיינען פעראינטערעסירט אין דעם ענין, און דאס קאן ניט געבען דעריבער די פאראויס בעשטימטע רעזולטאטען, וואס עס גיט א געוואונענער סטרייק. דערפאר אבער די אחדות, וואס עס קומט ארויס פון דעם אבהיטען זיך, איז א סך פעסטער און לייננער, ווי פון א סטרייק. די געצוואונגענע אחדות, וואס ווערט בעשאפען ביי א סטרייק, האלט נאר אן ביז דער צייט, ווען דער צוועק פונ'ם סטרייק איז דערגרייכט געווארען. אבער די אחדות פון א סך מענשען, וועלכע זיינען פארטאן אין דער אייגענער טעטיגקייט, אדער היטען זיך אב פון א געוויסער טעטיגקייט, ווייל זיי זיינען אלע געקומען צום זעלביגען בעוואוסטזיין, אזא אחדות ניט נאר וואס זי הערט קיין מאל ניט אויף, זי ווערט נאך וואס א מאל אלץ פעסטער און פעסטער און ציהט צו זיך צו אלץ מעהר מענשען. אזוי קען דאס טאקי זיין און מוז טאקי זיין, ווען די ארבייטער וועלען זיך אבהיטען אנטייל צו נעמען אין דעם ערד־אייגענטום ניט אלס רעזולטאט פון א סטרייק, נאר ווייל זיי וועלען ווערען בעוואוסטזיניג, ווי זינדיג עס איז אזא מין אנטייל. עס איז גאנץ מעגליך, אז ווען די ארבייטער וועלען שוין בעגרייפען די אונגעזעצליכקייט פון אן אנטייל אין דעם פריצישען ערד־בעזיץ, וועלען ניט אלע פון זיי, נאר א קליינער טייל, אויפהערען צו ארבייטען ביי די פריצים אויף די מאיאנטקעס אדער צו האלטען די

פריצישע ערד אין ארענדע. אָבער היות ווי זייער אָבהיטען זיך וועט ארויסקומען ניט דורך אַן אָבמאַך, וואָס האָט נאָר אַ בעדיי־טונג אין א בעשטימטען אָרט און אויף אַ געוויסע צייט, נאָר דורך אַ געהעריגען בעוואוסטזיין, וואָס לעגט ארויף אַ התחיבות אין יעדער צייט און גאַנץ ענגאַל אויף יעדען מענשען, טאָ דער סוף וועט זיין, אז די צאָהל ארבייטער, וואָס מען וועט זיי אויפווייזען אי מיט׳ן וואָרט, אי מיט אַ ביישפּיעל, ווי אונגעזעצליך עס איז דאָס ערד־אייגענטום, און וואָס פאר א צרות עס קומען ארויס פון איהם, — די צאָהל, זאָג איך, וועט זיך האַלטען אין איין פערגרעסערען.

מען קען באַין אופן ניט פאָראויסזעהן, אויף וואָס פאַר א דרך עס וועט זיך אומבייטען דער געביי פון דער געזעלשאַפט נאַכדעם, ווי די ארבייטער וועלען קומען צום בעוואוסטזיין, אז אנטייל צו נעמען אין ערד־אייגענטום איז אַ זינד; אָבער אין איין זאַך קען מען זיין גאַנץ זיכער: אז וואָס גרעסער עס וועט זיך פערשפּרייטען אָט דער בעוואוסטזיין, וועלען די ענדערונגען אין דעם געזעלשאַפטלי־כען בנין זיין אַלץ בעדייטענדיגער. די דאָזיגע ענדערונגען קענען בעשטעהן אין דעם, אז ווען אַ טייל ארבייטער וועט זיך אָבזאָגען צו ארבייטען ביי די פּריצים אויף די פעלדער און דינגען ביי זיי ערד, וועלען די ערד־בעזיצער דערזעהן, אז דער ערד־בעזיץ ברייננגט זיי גאָר נישט אריין, און ענטוועדער זיי וועלען איינגעהן אויף א פּשרה מיט די ארבייטער, אָדער זיי וועלען זיך אין גאַנצען אָבזאָ־גען פון ערד־אייגענטום. אויך איז מעגליך, אז די ארבייטער, וואָס מען האָט געגומען אין סאָלדאַטען, וועלען בעגרייפען די אונגעזעצ־ליכקייט פון ערד־אייגענטום, און זיי וועלען זיך אַלץ עפטער און עפטער אָבזאָגען צו טאָן געוואַלט איבער די ברידער זייערע, די אַר־בייטער אין דאָרף, און די רעגיערונג וועט זיין געצוואונגען אויפ־צוהערען צו בעשיצען דעם ערד־בעזיץ פון די פּריצים, און די פּריצי־שע ערד וועט ווערען פריי פאַר אַלעמען.

ענדליך קען עס אויך זיין, אז די רעגיערונג זאָל פערשטעהן, דאָס די בעפרייאונג פון דער ערד איז אונפערמיידליך, און זי זאָל געפינען פאַר נויטיג צו פערלויפען דעם וועג די ארבייטער׳ס נצחון;

די רעגיערונג, הייסט דאָס, וועט די אַרבייטער׳ס נצחון פערזיגלען מיט איהר קאַזיאָנער חתימה און דורך אַ געזעץ אָבשאַפען ערד־אייגענטום.

די ענדערונגען, וואָס עס קענען און מוזען זיך אַרויסווייזען אין דעם ערד־בעזיץ נאָכדעם, ווי די אַרבייטער וועלען בעגרייפען די אונ־געזעצליכקייט פון אַן אַנטייל אין דעם ערד־אייגנעטום, קענען זיין זעהר פערשיעדען; און עס איז שווער נביאות צו זאָגען, פון וואָס פאַר אַ סאָרט די ענדערונגען וועלען זיין; אָבער איין זאַך איז זיכער, אַז קיין איינציגע שטרעבונג פון דעם מענשען צו האַנדלען אין דעם ענין מיט׳ן פולען הארצען, ווי גאָט האָט געהייסען אָדער ווי דאָס אייגען געוויסען פאָדערט, וועט ניט געהן לאיבוד.

„וואָס וועל איך קענען אויפטאָן איינער אַליין?" — וועט איהר אָפט הערען פון אַ מענשען, וועלכער דאַרף טאָן עפּיס אַזוינס, וואָס דאָס רוב איז געגען דעם. אַזאַ מענש דיינקט, אַז בכדי אַ זאַך זאָל זיין ערפאָלגרייך, דאַרפען אין דער זאַך זיך אַריינלעגען דוקא אַ ל ע אָדער, וועניגסטענס, אַ ס ך; אָבער „אַ סך" דאַרף מען נאָר האָבען פאַר שלעכטע מעשים. פאַר אַ גוטע זאַך איז גענוג צו האָ־בען נאָר איין מענשען, ווייל גאָט העלפט תמיד דעם מענשען, וועל־כער טור אַ גוטע זאַך. און מיט וועמען גאָט איז, מיט דעם וועלען פריער אָדער שפּעטער אויך זיין אַלע מענשען.

יעדענפאַלס, וועלען אַלע פערבעסערונגען אין דער לאַגע פון די אַרבייטער פאָרקומען נאָר דורך דעם, וואָס זיי וועלען אַליין האַנדלען מעהר נאָך דעם רצון פון גאָט, און נאָך זייער אייגענעם געוויסען, ס׳הייסט מאָראַלישער ווי זיי האָבען געהאַנדעלט ביז אהער.

.11

געפּרופט האָבען די אַרבייטער צו בעפרייען זיך דורך געוואַלט־טעטיגקייטען, דורך בונטען, און זיי האָבען ניט דערגרייכט זייער צוועק. געפּרופט האָבען זיי און פּרופען נאָך איצ׳טער צו בעפרייען זיך דורך די סאָציאַליסטישע מיטלען — דורך פעראייניגען, סטרייקס, דעמאָנסטראַציעס, פּאַרלאַמענטאַרישע וואַהלען, און נאָר אין בעס־

טען פאַל מאַכט דאָס לייכטער די קאָטאָרזשנע ארבייט פון די שקלאַ־פען, און דאָס אויך נאָר אויף א צייט, און ווייניג וואָס דאָס בע־פרייט זיי ניט, דאָס מאַכט נאָך שטייפער די שקלאַפעריי.

געפרופט האָבען די ארבייטער און פרופען נאָך היינט צו בע־פרייען זיך יעדערער בעזונדער דורך דעם, וואָס זיי האַלטען אויף די אונגעזעצליכקייט פון ערד־אייגענטום, וואָס זיי אַליין פערדאַמען דאָס; און אויב די לאַגע פון צוויי־דריי, און דאָס אויך ניט אַלע מאָל און ניט אויף לאַנג, פערבעסערט זיך יע פון אזא מין אנטייל אין דעם פערברעכען, ווערט אָבער דורך דעם די לאַגע פון כלל נאָך ערגער. דאָס קומט אַרויס דערפון, וואָס א גרינדליכע פערבעסערונג אין דער לאַגע פון מענשען (ניט פון איין מענשען, נאָר פון דעם כלל מענשען) קאָן זיין נאָר דעמאָלט, ווען מען וועט האַנדלען אין לעבען, ווי די חכמים האָבען אונז געלערנט: בעגעה זיך מיט'ן צווייטען אזוי, ווי דו וואָלסט וועלען, אז דער צווייטער זאָל זיך בעגעהן מיט דיר. און די אַלע דריי מיטלען, וואָס די ארבייטער האָבען לעת עתה בענוצט, האָבען ניט איינגעשטימט מיט דעם, וואָס די חכמים האָבען אונז געלערנט, ס'הייסט בעגעהן זיך מיט'ן צווייטען אזוי, ווי מיר וואָלטען וועלען, אז דער צווייטער זאָל זיך בעגעהן מיט אונז.

דאָס מיטעל פון בונטען, ד. ה., באַנוצען געוואַלט איבער מענ־שען, וועלבע האַלטען פאַר זייער אייגענטום די ערד, וואָס זיי האָבען בעקומען בירושה אָדער געקויפט אויף אָבגעשפּאָרטע געלד, איז געגען דעם כלל צו בעגעהן זיך מיט'ן צווייטען אזוי, ווי מיר וואָלטען ווע־לען, מען זאָל זיך בעגעהן מיט אונז, ווייל קיין איינער פון די מענ־שען, וועלכער נעמט אנטייל אין די בונטען, וואָלט נישט וועלען, אז מען זאָל אוועקנעמען ביי איהם דאָס, וואָס ער האַלט פאַר זיין איי־גענטום; נאָך מעהר, אז דאָס אוועקנעמען פון דעם אייגענטום ווערט געוויינליך בעגלייט מיט די סאַמע אכזריות'דיגע געוואַלט־מעשים.

אויך שטימט ניט איין מיט'ן כלל — צו בעגעהן זיך מיט'ן צווייטען אזוי, וו מיר וואָלטען וועלען, אז דער צווייטער זאָל זיך בעגעהן מיט אונז, די גאַנצע סאָציאַליסטישע טעטיגקייט. זי שטימט ניט איין מיט דעם כלל, ערשטענס, דערפאַר, וואָס אוועקלעגענדיג

אלס גרונד־פּרינציפּ דעם קלאַסען־קאַמפּף, רופט זי אַרויס אין די אַרבייטער צו די בעלי־הבתים און צו די נישט־אַרבייטענדיגע אין אַלגעמיין אַזוינע פיינדליכע געפיהלען, וואָס אויב מען זאָל אַ שטייגער אַ פרעג טאָן ביי די אַרבייטער, צו זיי ווילען, אַז די בעלי־הבתים זאָלען טראָגען אין הארצען אַט פּונקט אַזוינע געפיהלען צו זיי, וועלען די אַרבייטער זיכער זאָגען, אַז ניט. און עס שטימט ניט איין מיט דעם כּלל די סאָציאַליסטישע טעטיגקייט אויף דערפאַר, וואָס אין דער צייט פון אַ סטרייק זיינען די אַרבייטער זעהר אָפט געצוואונגען, צוליעב דעם ערפאָלג פון זייער קאַמפּף, צו בענוצען געוואַלט איבער די אַרבייטער, סיי אייגענע, סיי פון פרעמדע פעלקער, וועלכע פערנעמען די פּלעצער פון די סטרייקערס.

דאָס גלייכען איז אויך געגען דעם כּלל — צו בעגעהען זיך מיט'ן צווייטען אַזוי, ווי מיר וואָלטען וועלען, אַז דער צווייטער זאָל זיך בעגעהען מיט אונז, — און ניט נאָר איז דאָס געגען דעם כּלל, עס איז איינפאַך אונמאָראַליש אַט יענע תורה, וואָס זאָגט צו די אַרבייטער, אַז עס וועלען צו זיי אַריבערגעהן אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ס'הייסט אַז די זאַוואָדען און די פאַבריקען וועלען ווערען זייער אייגענטום מיט האָק און פּאָק. איטליכע פאַבריק איז די אַרבייט פון אַ סך אַרבייטער, און ניט נאָר פון די אַרבייטער פון היינטיגער צייט, ס'הייסט פון יענע, וואָס האָבען אוועקגעשטעלט די פאַבריק און צוגעגרייט די מאַטעריאַלען פאַר איהר אויסבויען און געאַרבייט ביים בויען גופא, אָבער אויך פון אַן אונענדליכער צאָהל גייסטיגע און פיזישע אַרבייטער פון די פריערינע דורות, אָהן וועמעס אַרבייט וואָלט גאָר קיין שום פאַבריק ניט געקאָנט עקזיסטירען. מאַכען דעם חשבון, ווי גרויס עס איז געווען דער אַנטייל פון אַלע מענשען אין דעם אויסבויען פון דער פאַבריק, איז גאָר קיין שום מעגליכקייט ניטאָ, און דערפאַר טאַקי לערנען די סאָציאַליסטען גופא, אַז יעדע פאַבריק, פּונקט ווי די ערד, געהערט דעם גאַנצען פאָלק. דער איינציגער חילוק איז נאָר, וואָס ערד־אייגענטום קאָן אָבגעשאַפט ווערען אַט באַלד אויפ'ן אָרט און ס'איז ניטאָ וואָס צו וואַרטען, ביז וואַנען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען וועלען ווערען אַלע־

מענ׳ס אייגענטום. אָבער די פאבריק קאָן ווערען דאָס געזעצליך אייגענטום פון פאָלק נאָר אין דעם פאַל, ווען עס וועט מקוים ווערען די פאנטאַזיע פון די סאָציאַליסטען, וואָס קאָן גאָר, מחשבות׳ן, קיין מאָל נישט מקוים ווערען, ס׳הייסט, אַז אַלע, בוכשטעבליך אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען זאָלען ווערען דאָס קהל׳שע אייגענטום; און ניט דעמאָלט, ווי דאָס רוב אַרבייטער־סאָציאַליסטען טראַכטען זיך, ווען זיי וועלען זיך אוועקנעמען די פאבריקען פון די בעלי הבתים. דער בעל הבית האָט קיין שום רעכט ניט צו בעזיצען די פאַבריק, אָבער גראָד אַזוי וועניג רעכט אויף וועלכער ניט איז פאבריק האָבען אויך די אַרבייטער ביז דער צייט, ווען עס וועט ניט מקוים ווערען דאָס פערגעזעלשאַפטליכען פון אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, א זאַך, וואָס קאָן קיין מאָל ניט מקוים ווערען.

אָט דערפאַר זאָג איך טאַקי, אַז די תורה, וואָס גיט אוועק די אַרבייטער די פאבריקען, אויף וועלכע זיי זיינען פערנומען, פאַר דער צייט, ווען אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען וועלען ווערען דאָס אייגענטום פון דער געזעלשאַפט (מען רעכענט געוויינליך, אַז דאָס וועט אַזוי זיין), אַזאַ תורה ניט נאָר וואָס זי איז געגען דעם גאָלדענעם כלל: בעגעה זיך מיט׳ן צווייטען אַזוי, ווי דו וואָלסט וועלען, אַז דער צווייטער זאָל זיך בעגעהן מיט דיר, נאָר זי איז איינפאך אונמאָראַליש.

דאָס גלייכען, איז אויך געגען דעם כלל — צו בעגעהן זיך מיט׳ן צווייטען, ווי מיר וואָלטען וועלען, אַז דער צווייטער זאָל זיך בעגעהן מיט אונז — דאָס, וואָס די אַרבייטער האַלטען אויף דאָס ערד־אייגענטום ענטוועדער דורך געוואַלט־טעטיגקייטען אַלס סאָלדאַטען, אָדער דורך אַרבייט אויף די פּריצישע מאַיאָנטקעס און אַרענדירען די פּריצישע ערד. אַזאַ מין אויפהאַלטען דעם ערד־בעזיץ איז געגען דעם כלל דערפאַר, וואָס אויב אַזעלכע מעשים פערבעסערען שוין יע אויף אַ געוויסע צייט די לאַגע פון די מענשען, וועלכע טון זיי, מאַכען זיי אָבער בלתי ספק א סך ערגער די לאַגע פון די אַנדערע אַרבייטער.

מען זעהט אַלזאָ, אַז אַלע מיטלען, וואָס די אַרבייטער האָבען

לעת עתה בענוצט אום בעפרייט צו ווערען, דהיינו געוואַלט־טעטיג־קייט, אָדער די סאָציאַליסטישע טעטיגקייט, אָדער די מעשים פון געוויסע מענשען, וועלכע האַלטען אויף, צוליעב דער אייגענער וויגאָדע, די אונגערעכטיגקייט פון דעם ערד־בעזיץ, האָבען נישט דער־גרייכט דעם צוועק, ווייל קיין איינס פון די אַלע מיטלען האָט ניט איינגעשטימט מיט'ן גרונד־כלל פון מאָראַל: בעגעה זיך מיט'ן צווייטען אַזוי, ווי דו וואָלסט וועלען, אַז דער צווייטער זאָל זיך בע־געהן מיט דיר.

און דאָס, וואָס ניט די טעטיגקייט זייערע בעפרייט די אַרביי־טער פון זייער פערשקלאַפטען צושטאַנד, נאָר אַן איינפאַך אָבהיטען זיך פון זינדיגען, קומט אַרויס דערפון, וואָס אַזאַ אָבהיטען זיך איז יושר'דיג און מאָראַליש, ד. ה. שטימט איין מיט'ן רצון פון גאָט.

.12

„אָבער די נויט!" — וועט מען אויף דעם ענטפערן. ווי שטאַרק איבערצייגט אימיצער זאָל ניט זיין אין דער אונגערעכטיגקייט פון פריוואַט־אייגענטום אויף ערד, — איז איהם שווער, ווען ער איז אַ סאָלדאַט, למשל, ניט צו געהן אַהין, וואו מען שיקט איהם; אָדער ניט צו אַרבייטען פאַר די פּריצים, ווען די דאָזיגע אַרבייט קען איהם געבען מילך פאַר זיינע הונגעריגע קינדער. אָדער ווי קען זיך דער פּויער איינהאַלטען און ניט נעמען אין אַרענדע די פּריצישע ערד, ווען ער פערמאָגט נאָר איין האַלבע־דעסיאַטין ערד אויף איין מויל, און ווען ער ווייס גוט, אַז מיט דער קלעגליכער נחלה, וואָס ער בע־זיצט, וועט ער זיך מיט זיין פאַמיליע ניט קענען ערנעהרען? אמת, איינהאַלטען זיך ווי אין דעם פאַל, אַזוי אין יענעם פאַל, איז זעהר שווער; אָבער פּונקט אַזוי שווער איז דאָך זיך איינצוהאַלטען אי־בערהויפּט פון אַ מיאוס'ער עבירה. און פון דעסטוועגען דאָס רוב מענשען האַלטען זיך יע איין פון שלעכטע מעשים. דאָ אָבער, אין דעם פאַל, איז זיך לייכטער איינצוהאַלטען פון דער עברה איידער פון דעם גרעסטען טייל שלעכטע מעשים; ווייל דעם שאַדען, וואָס עס קומט אַרויס פון אָט דער עברה — ס'הייסט דעם אַנטייל נעמען

אין דעם ערד־בעזיץ — זעהט מען א סך קלערער און דייטליכער, ווי אין א פולע שלעכטע מעשים, פון וועלכע מען האלט זיך געוויינליך איין. איך רעד ניט פון דעם פאל, ווען א סאָלדאט זאָגט זיך אָב אנטייל צו נעמען אין דעם מיליטער, וואָס מען שיקט ארויס געגען די פויערים. אמת, מען דאַרף האָבען דערצו א בעזונדערע געוואַגטקייט און זיין גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, און דערפאַר קאָן דאָס ניט יעדערער דאָקאַזשען; און דורך דעם טאַקי טרעפט זיך גאַנץ זעלטען, אז א סאָלדאט זאָל זיך אָבזאָגען צו געהן ערגיץ, ווען מען שיקט איהם. אָבער בכדי ניט צו אַרבייטען אויף די פריצישע פעלדער און ניט צו נעמען זיי אין אַרענדע, דאַרף מען בריינגען וועניגער קרבנות און אויך גאָר ניט זיין אזא כוואַט. ווען אַלע ארבייטער וואָלטען נאָר פאָלשטענדיג פערשטאַנען, אַז אַרבייטען אויף די פריצישע פעלדער, און נעמען זייער לאַנד אין אַרענדע איז אַן עברה, וואָלט וואָס פון טאָג געוואָרען אַלץ קלענער די צאָהל אי פון יענע, וואָס אַרבייטען אויף דער פריצישער ערד, און אי פון יענע, וואָס דינגען די ערד ביי די פריצים. עס לעבען דאָך מיליאָנען מענשען און האָבען קיין שום נויט אין דער פריצישער ערד, ווייל זיי זיינען האַנדווערקער ביי זיך אין דער היים, אָדער אפילו ווייט פון דער היים בעשעפטיגען זיי זיך מיט די סאַמע פערשיעדענע מלאכות. עס נויטיגען זיך אויך ניט אין דער פריצישער ערד די הונדערטער טויזענדער, און די מיליאָנען פויערים, וועלכע קוקען גאָר נישט, וואָס עס איז זיי שווער צו טאָן, און הויבען זיך אויף פון דעם אַלטען אָרט און געהען אויף דעם נייעם אָרט, וואו זיי בעקומען געגוג ערד, און על פי רוב ניט נאָר וואָס זיי ווערען ניט דאָרטען פערשוואַרצט, פערקערט, זיי ווערען נאָך רייך און פערגעסען אין גיכען גאָר אין גאַנצען אָן דעם ביטערען מזל, וועלכער האָט זיי אַרויסגעטריבען פון דער אַלטער היים. אויך בעגעהען זיך אָהן די פריצישע ערד יענע פויערים, די גוטע בעלי־הבתים, וועלכע ווייסען ווי צו שפּאָרען דעם גראָשען און בעאַרבייטען גוט זייער שטיקעל ערד, און פערשטעהט זיך דאַרפען זיי ניט — ניט אַרבייטען פאַר די פריצים און ניט דינגען זייער לאַנד. און עס לעבען נאָך אויך טוי־

זענדער מענשען, וועלכע דארפען ניט ארבייטען פאר די פריצים און ניט נעמען זייער ערד אין ארענדע, מענשען, וועלכע לעבען ווי קריס־טוס האָט געבאָטען, ד. ה. יעדערער לעבט ניט פאר זיך אליין, נאָר העלפט אויס איינער דעם צווייטען; ווי מען טרעפט אַ שטייגער אזא לעבען אין אַ סך קריסטליכע קהלות אין רוסלאנד (מעהר פון אלע אנדערע זיינען מיר בעקאַנט די דוכאָבאָרען).

נויט, דחקות קאָן נאָר געמאָלט זיין אין אַ געזעלשאַפט פון מענ־שען, וועלכע לעבען נאָכ׳ן טירישען געזעץ, אז איינער מוז כלומר׳שט קעמפפען מיט׳ן צווייטען. אין די קריסטליכע קהלות דארף קיינער נישט ליידען קיין שום נויט. ווי באַלד אז מענשען טיילען זיך איינער מיט׳ן אנדערען מיט אלץ, וואָס זיי האָבען, קלעקט אלע מאָל פאַר יעדער איינציגען אויף אלץ, וואָס ער דארף צום לעבען, און עס בלייבט נאָך אַ סך איבער. ווען דער עולם, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו קריסטוס׳ פרעדיגען, איז געוואָרען הונגעריג, האָט קריסטוס אזוי געטאָן: ער האָט זיך דערוואוסט, אז אַ פּאָר מענשען האָבען מיט־געבראכט וואָס צו עסען, און ער האָט געהייסען אלעמען זיך זעצען אין אַ קרייז, און יענע, וואָס האָבען געהאט די אכילה, האָט ער גע־הייסען איבערגעבען דאָס עסען די שכנים זייערע פון איין זייט, כדי ווען די שכנים וועלען זיך אָנעסען, זאָלען זיי דאָס עסען איבערגעבען צו די אַנדערע. און ווען עס איז דערגאַנגען ביז צום לעצטען מענ־שען אין דעם קרייז, זיינען אַלע געווען זאַט, און עס איז נאָך אַ סך איבערגעבליבען.

אָט אויף דעם זעלבען דרך וויים מען פון קיין נויט נישט אין דער געזעלשאַפט פון מענשען, וועלכע האנדלען אזוי ווי יענע האָבען געהאנדעלט, און אזוינע מענשען דארפען ניט ארבייטען פאר די פריצים און ניט נעמען אין ארענדע זייער׳ לאַנד. דחקות קאָן אלזאָ ניט דינען פאר אַן אורזאכע, צוליעב וועלכער מענשען זאָלען טאָן דאָס, וואָס איז שעדליך פאר די ברידער זייערע.

אויב די אַרבייטער געהען איצטער צו די פריצים ארבייטען און דינגען ביי זיי אָב די ערד, טון זיי דאָס נאָר דערפאַר, וואָס ניט אַלע פון זיי פערשטעהען נאָך, ווי שלעכט עס זיינען אָט אזעלכע

מעשים, און ס'ארא רעה זיי טון דערמיט אי די ברידער זייערע, אי זיך גופא.וואס גרעסער עס וועט זיין די צאהל פון אזוינע, וואס פערשטעהן יע, און וואס קלערער זיי וועלען פערשטעהן די פולע בעדייטונג פון זייער אנטייל אין דעם ערד־אייגענטום, וועט אלץ מעהר און מעהר פאלען פון זיך אליין די מאכט פון די לעדיג־געהער איבער די, וואס ארבייטען.

.13

דאס איינציגע, ריכטיגע, אונצווייפעלבארע מיטעל, וואס מען קאן דורך איהם פערבעסערען די לאגע פון די ארבייטער און וואס שטימט איין אין דער זעלבער צייט מיט'ן ווילען פון גאט, בעשטעהט אין דעם, אז די פריצים זאל מען בשום אופן ניט לאזען פערכאפען די ערד. ווי־זשע פיהרט מען אויס אט די מין בעפרייאונג פון דער ערד? ערשטענס, אז די ארבייטער זאלען זיך אבזאגען אנטייל צונעמען אין דעם מיליטער, ווען דאס מיליטער ווערט אויסגענוצט געגען דאס ארבייטער־פאלק; און, צווייטענס, די ארבייטער זאלען ניט געהן ארבייטען אויף די פריצישע פעלדער און ניט נעמען אין ארענדע די פריצישע ערד. אבער עס איז נאך ווייניג, אז איהר, ארבייטער, זאלט וויסען, דאס פון אייער טובה וועגען דארף די ערד בעפרייט ווערען פון די פריצים, און דאס די בעפרייאונג פון דער ערד קאן דערגרייכט ווערען, ווען איהר וועט זיך אבהאלטען און ניט בעגעהען געוואלט־טעטיגקייטען איבער אייער אייגענעם ברודער און אויך ניט ארבייטען אויף די מאיאנטקעס פון פריץ און ניט דינגען ביי איהם זיין ערד. א חוץ דאס אלץ, דארפט איהר נאך וויסען פאראויס, ווי אזוי איינצושטעלען א שטיקעל ארדנונג אין דער ערד נאכדעם, ווען זי וועט שוין זיין בעפרייט פון די פריצישע הענד, ווי, הייסט דאס, די ערד פאנאנדערצוטיילען צווישען די, וואס ארבייטען.

די מייסטע פון אייך קלערען זיך געוויינליך, אז מען דארף נאר צונעמען די ערד פון די, וואס ארבייטען ניט, און אלץ וועט שוין זיין גוט. אבער דאס איז ווייט ניט אזוי. ס'איז אייך גרינג צו זאגען: צונעמען די ערד פון די, וואס ארבייטען ניט, און זי איבערגעבען די,

וואָס ארבייטען יע. אָבער ווי טוט מען אָב די זאַך אויף אזא דרך, אז דער יושר זאָל ניט ליידען דערביי און אז די רייכע לייט זאָל ניט געגעבען ווערען די מעגליכקייט ווידער צונויפצוקויפען גרויסע שטרעקעס ערד און דורך דעם מיטעל ווידער נעמען רייטען אויף דעם ארבייטער׳ס קאַרק? פערקערט, ערלויבען יעדערן ארבייטער בעזונדער אָדער יעדער קהלה בעזונדער, נאָך דער מיינונג פון אַנ־דערע צווישען איך, צו קאָשען און צו אקערען, אַ־וואו איינער וויל (אזוי איז דאָס געווען פאַר׳צייטען און אזוי איז דאָס נאָך עד היום ביי די קאָזאקען), — אזוינע פאַראַנדקעס זיינען מעגליך נאָר דאָר־טען, וואו ס׳איז דאָ ווייניג מענשען, און ערד א סך, און די ערד גופא איז פון איין סאָרט. אָבער דאָרטען, וואו מענשען איז פראַן מעהר, איידער עס קאָן זיי ערנעהרען די ערד, און די ערד איז פון פערשיע־דענע סאָרטען, איז נויטיג אויפצווזוכען אנאַנדער מיטעל, ווי אזוי צו בענוצען זיך מיט דער ערד. צוטיילען אפשר די ערד נאָך דער צאָהל מענשען? אָבער ווען מען זאָל צוטיילען די ערד נאָך דער צאָהל מענשען, וועט די ערד אָנקומען אויך אזוינע, וואָס זייערע הענד קלעבען גאָר ניט צו ערד־ארבייט, און אָט די ניט־ארבייטער וועלען די ערד פערדינגען אָדער פערקויפען צו רייכע ספעקולאַנ־טען, און עס וועלען זיך ווידער בעווייזען מענשען, וועלכע האָבען אין זייער בעזיץ א גוזמא ערד און אליין ארבּייטען זיי ניט אויף איהר. אפשר פערבאָטען די, וואָס ארבייטען ניט, צו פערקויפען אָדער צו פערדינגען זייער ערד? אָבער וואָס וועט דערפון ארוים? די ערד, וואָס געהערט א מענשען, וועלכער וויל ניט אָדער קען ניט ארבייטען, וועט בלייבען ליגען אָהן א שום געברויך. א חוץ דעם: נאָמיר שוין זאָגען, אז די ערד ווערט צוטיילט נאָך דער צאָהל מענ־שען. ווי גלייכט מען אָבער אוים דעם אונטערשיד אין די מעלות פון דער ערד? עס איז פראַן ערד פעטע, וואָס איז פרוכטבאר, און ס׳איז פראַן ערד, זאמדיגע, זומפּיגע, וואָס איז ניט פרוכטבאר; עס זיינען פראַן שטיקער ערד אין די שטעדט, וואָס טראָגען אריין 1000 רובעל און אפילו מעהר אויף א יאָהר פון איין דעסיאטין, און עס זיי־נען פראַן שטיקער ערד ערגיץ אין א פערוואָרפענעם ווינקעל, וואָס

טראָגען ניט אריין קיין שום ריוח. ווי־זשע צוטיילט מען די ערד אזוי, דאָס די מענשען, וואָס ארבייטען ניט, זאָלען זי ווידער ניט אריינכאפּען צו זיך אין דער ממשלה? און עס זאָלען ניט זיין קיין פּערטיילטע, וואָס האָבען געקראָגען אַ קלענערען חלק? און עס זאָלען ניט ארויסקומען דורך דעם אמפּעריירען, מחלוקת'ן, מלחמות? די וועלט איז שוין אַ לאַנגע צייט פערנומען מיט די דאָזיגע פראגען און מיט זייער לייזען. און אַ סך פּלענער זיינען אויסגעפונען געוואָרען, ווי אזוי די ערד זאָל ריכטיג צוטיילט ווערען צווישען די ארבייטער.

שוין ניט רעדענדיג פון די פּלענער וואָס מען רופט ביי אונז קאָמוניסטישע, פּלענער, וועלכע פאָרדערן, אז די ערד זאָל געהערען צו דער גאַנצער קהלה, און זאָל בעאַרבייט ווערען פון אַלע חברים פון דער קהלה, ווייס איך נאָך פון כדומה אזוינע פּלענער:

דער פּלאַן פונ'ם ענגלענדער וויליאַם אָגילווי, וועלכער האָט געלעבט אין דעם 18־טען יאהרהונדערט. אגילווי זאָגט, אז היות ווי יעדער מענש ווערט געבאָרען אויף דער ערד און בעקומט דורך דעם אַן אונצווייפעלבאר רעכט צו געפינען זיך אויף איהר און צו ער־נעהרען זיך מיט איהרע פּראָדוקטען, בכן קאָן ניט אָט דאָס רעכט פונ'ם מענשען זיין בעגרעניצט דערפאַר נאָר, וואָס עס געפינען זיך אַנדערע מענשען און זיי האַלטען גרויסע שטרעקעס ערד פאַר זייער אייגענטום. און דעריבער דארף יעדער איינער האָבען דאָס רעכט צו בעזיצען אומזיסט דאָס ביסעל ערד, וואָס עס קומט אויס אויף זיין חלק. ווען אָבער אימיצער בעזיצט מעהר ערד, איידער עס קומט איהם ארויס אויף זיין חלק, און בענוצט זיך מיט די חלקים, וואָס עס פאָרדערן נאָך פון איהם ניט די מענשען, ווען די חלקים געהערען על פּי יושר, דעמאָלט מוז דער ערד־בעזיצער בעצאָהלען פאַר זיין בעזיץ אַ געוויסען סכום דער מלוכה.

אַ צווייטער ענגלענדער, טהאָמאָס ספּענס, האָט מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער פערזוכט צו לייזען די ערד־פראגע דערמיט, וואָס ער האָט די גאַנצע ערד אַנערקענט פאַר דאָס אייגענטום פון די קהלות, און אָט די קהלות האָבען שוין געקאָנט טון מיט דער ערד אַלצדינג,

וואָס זיי האָבען געוואָלט. דאָס פּריוואַט־אייגענטום אויף ערד פון פּריוואַט־מענשען איז שוין דורכדעם גופא געווען אין גאַנצען אָב־געשאַפט.

אַלס אַביישפּיעל, ווי אַזוי ספּענס האָט געקוקט איבערהויפּט אויף ערד־אייגענטום, קאָן אונז דינען די געשיכטע פון זיינער אַ באַגעגעניס אין 1788 אין העלדאָנבערידזש. די באַגעגעניס הייסט ביי איהם „אַן המצאה אין וואַלד."

„איין מאָל, דערציילט ער, ווען איך האָב געקליבען ניס אין אַ וואַלד, האָט זיך פון די קוסטען אַרויסגערוקט אַ מענש און ביי מיר געפרעגט, וואָס איך טו דאָ?

איך האָב געענטפערט: „איך קלייב ניס."

— אַזוי? איהר קלייבט ניס? ווי וואַגט איהר דאָס צו זאָגען?

— פאַר וואָס ניט? — האָב איך געפרעגט. — וואָלט איהר דען אַ שטייגער געצווייפעלט אין דעם רעכט פון אַ מאַלפּע אָדער אַ וועווערקע צו קלייבען ניס? מיט וואָס בין איך נידריגער פון די דאָזיגע בעשעפעניסען, און פאַר וואָס זאָל איך ניט האָבען דאָס זעלביגע רעכט, וואָס זיי האָבען? — האָב איך געזאָגט, — און ווער זיינט איהר דאָס, ר' קרוב, און פון וואַנען נעמט זיך ביי אייך די העזה מיר צו שטערען?

— איך וועל אייך שוין בעווייזען, ווער איך בין, ווען איך וועל אייך אַרעסטירען דערפאַר, וואָס איהר זייט עובר אויף אַ פרעמדען רעכט.

— אַ שיינער משל, כ'לעבען! — האָב איך געזאָגט, — אָבער ווי קאָן איך דאָס עובר זיין אויף אַ פרעמדען רעכט אין אַ פּלאַץ, וואו קיינער האָט גאָר ניט געזעעט און גאָר ניט בעאַרבייט? ווייל וואָס זיינען ניס? אַ מתנה פון דער נאַטור דירעקט צו מענשען אַזוי גוט ווי צו חיות, צו יעדען בעשעפעניס, הייסט דאָס, וואָס וועט נאָר זיי וועלען באַנוצען צום עסען, און אויף דעם סמך זיינען די ניס אַלעמענ'ס אייגענטום.

— און איך זאָג אייך, אַז אָט דער וואַלד איז ניט אַלעמענ'ס

אייגענטום, נאָר דאָס פּריוואַט־אייגענטום פונ׳ם הערצאָג פון פּאָרט־לאַנד.

— גאָר אַזוי! טאָ לאָזט פון מיינטוועגען הערצליך גערימען דעם הערצאָג. אָבער אַזוי ווי די נאַטור קען ניט איהם און ניט מיך, און אין איהרע גיטער גילט נאָר איין רעגעל: ווער ס׳איז דער ערשטער געקומען, דער האָט דער ערשטער בעקומען, טאָ זאָגט זייט מוחל דעם הערצאָג, אַז אויב ער וויל אויך גיס, זאָל ער זיך אַ ביסעל צואיילען.“

צום שלום זאָגט ספּענס, אַז ווען מען זאָל איהם צווינגען צו פּערטיידיגען דאָס לאַנד, אין וועלכען ער האָט ניט דאָס רעכט אַרונ־טערצורייסען אַ ניסעל, וואָלט ער אַ שליידער געטאָן דאָס געוועהר זיינס און געזאָגט: „זאָל זיך געהן שלאָגען פאַר דאָס לאַנד דער הערצאָג פון פּאָרטלאַנד, וועלכער רעכענט, אַז די ערד איז זיינס, אָבער ניט איך.“

אויף דעם זעלביגען אופן האָט געלייזט די ערד־פראַגע אויך דער בעריהמטער פערפאַסער פון די ביכער „דער דור פון שכל“ און „די רעכט פונ׳ם מענשען“ — טהאָמאַס פּעין. זיין לייזונג האָט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס ער האָט געהאַלטען די ערד פאַר אַלע־מענ׳ס אייגענטום, און אום אָבצושאַפען דאָס אייגענטום־רעכט פון די ערד־בעזיצער, האָט ער פאָרגעשלאָגען, אַז דאָס אייגענטום־רעכט זאָל ניט קאָנען איבערגעגעבען ווערען בירושה; דורך דעם מיטעל וועט דער שטח ערד, וואָס איז פריער געווען אימיצענ׳ס פּריוואַט־אייגענטום, ווערען דאָס אייגעטנטום פון פאָלק נאָכ׳ן טויט פון ערד־בעזיצער.

וועגען דעם זעלביגען ענין האָט אויך געשריבען און געדיינקט פּעטריק עדוואַרד דאָוו (געלעבט אין לעצטען יאהרהונדערט). דאָוו׳ס טעאָריע בעשטעהט דערין, אַז דער ווערט פון דער ערד קומט אַרויס פון צוויי קוואַלען: ערשטענס פון די מעלות פון דער ערד גופא, און, צווייטענס, פון דער אַרבייט, וואָס איז אין איהר אַריינגע־לעגט געוואָרען. ווען די ערד האָט בעקומען איהר ווערט פון דער אַרבייט, וואָס איז אין איהר אַריינגעלעגט געוואָרען, קאָן זי זיין דאָס

אייגענטום פון פריוואט־מענשען ; ווען אָבער די ערד בעקומט איהר ווערט פון די מעלות, וואָס זי האָט, איז זי דאָס אייגענטום פונ'ם גאַנצען פאָלק און זי טאָר דעריבער קיין מאָל ניט געהערען צו פּריוואט־מענשען, ווי דאָס ווערט איצטער אנערקענט, נאָר זי מוז זיין דאָס קהל'שע אייגענטום פונ'ם גאַנצען פאָלק.

אזא איז אויך דער פּלאַן פון דער יאפּאַנעזישער געזעלשאַפט „אומצוקערען די ארבייטער זייער ערד.“ דער תמצית פון פּלאַן בעשטעהט דערין, וואָס יעדער מענש האָט אַ רעכט צו בעזיצען דעם שטח ערד, וואָס קומט אוים אויף זיין חלק, אָבער מיט'ן תנאי, אַז ער זאָל פאַר איהר צאָהלען די שטייערן, ווי פיעל מען האָט דאָרטען ארויפגערעכענט אויף זיין נחלה. און ביי דעם, וואָס האָט מעהר ערד, איידער עס קומט אוים אויף זיין חלק, קאָן דארום יעדערער פאָרדערן דעם חלק, וואָס עס קומט איהם ארוים. אָבער פאַר'ן סאַמע בעסטען פּלאַן, סאַמע גערעכטען, און דערצו נאָך פאַר אזעלכען, וואָס עס איז זעהר לייכט דורכצופיהרען, האַלט איך דעם פּלאַן פון הענרי דזשאָרדזש, וואָס איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען „סינגל טעקס“ (די איינציגע שטייער).

.14

פערזענליך האַלט איך דעם פּלאַן פון הענרי דזשאָרדזש פאַר'ן סאַמע גערעכטען, פאַר די גרעסטע טובה דער וועלט, און דער עיקר רעכען איך, אז פון אַלע פּלענער, וואָס איך וויים, איז אָט דעם פּלאַן בעקוועמער אויסצופיהרען. דעם דאָזיגען פּלאַן קאָן מען בקיצור זיך פאָרשטעלען אויף אזא אופן : זאָל זיך אונז דוכטען, אז אין אַ געוויסער געגענד געהערט די ערד ערשטענס צו צוויי פריצים, — איינעם אַן עושר גדול, וועלכער פערברייננגט זיינע יאָהרען אין אויסלאַנד, און דעם צווייטען ניט קיין רייכען, וועלכער לעבט זיך אין דער היים און פיהרט די בעל־הבית'שקייט, — און אַ חוץ די צוויי נאָך צו אַ הונדערט פויערים, וועלכע בעזיצען קליינע נחלאות. עס געפינען זיך נאָך אין דער דאָזיגער סביבה אַ פּאָר צעהנדליג מענשען אָהן ערד : באַדינטע,

בעלי־מלאכות, קרעמער, בעאמטע. זאל זיך אונז דוכטען, אז אלע תושבים פון דער געגענד זיינען געקומען צו דער איבערציייגונג, אז די גאנצע ערד איז דאס איינענטום פון כלל, און האבען בעשלאסען צו האנדלען נאך זייער איבערצייגונג און צו פערטיילען די ערד.

וואס זאלען זיי טון אין דעם פאל?

אבנעמען די ערד פון די, וואס בעזיצען זי, און ערלויבען איטליכען צו בענוצען זיך מיט'ן שטיקעל ערד, וואס איהם וועט געפעלען, טאר מען ניט, ווייל אויף איין שטיקעל ערד וואלטען זיך גע־פונען עטליכע בעלנים, און צו מחלוקת'ן וואלט קיין סוף ניט גע־מען. פעראייניגען זיך אלעמען אין איין חברה און בשותפות'דיג אקערן, קאשען, די תבואה פון די פעלדער אבפיהרען, און דערנאך שוין מאכען די חלוקה, איז ניט בעקוועם, ווייל איינער האט אן אקער־אייזען, א פערד, א וואגען, און א צווייטער האט דאס ניט; און א חוץ דעם, אייניגע פון די תושבים ווייסען גאר ניט ווי די ערד צו בעארבייטען און זיינען גאר אויך ניט גענוג שטארק פאר ערד־ארבייט. צוטיילען די ערד נאך דער צאהל מענשען אויף אזוינע חלקים, וואס זיי זאלען זיין גלייך איינער צום צווייטען מיט זייערע מעלות, איז זעהר שווער. ווען מען זאל ווידער צוטיילען די ערד אין קליינע חלקים און אין יעדען חלק זאל זיין ערד פון פערשיעדענע סארטען וועט יעדערען אויסקומען אויפ'ן חלק אי זעהר גוטע ערד, אי מעסיגע, אי שלעכטע, אי צום אקערן, אי צום קאשען, אי מיט א שטיקעל וועלדעל און עס וועלען זיין צו פיעל קליינע מאיאנטקעס.

א חוץ דעם, איז נאך אזא צוטיילונג געפעהרליך דערמיט, וואס די, וועלכע ווילען ניט ארבייטען אדער זיינען גרויסע קבצנים, וועלען פאר געלד אוועקגעבען זייער ערד די רייכע און אויף אזא דרך וועלען ווידער ארויסקומען גרויסע לאנדבעזיצער.

און די תושבים פון דער געגענד בעשליסען דארום, איבערצו־לאזען די ערד ווי זי איז, ביי די, וואס האבען זי שוין אין די הענד, און נאר אויף יעדען בעזיצער ארויפצולעגען א סכם, וואס ער וועט מוזען אריינטראגען אין די קהל'שע קאסע. דאס געלד — דאס איז דער ריוח, וואס די ערד־בעזיצער האבען פון דער ערד,

וועלכע זיי בענוצען, און דאָס געלד בעשליסט מען פאַנאַנדערצוטיי־לען צווישען אַלע תושבים אין גלייכע חלקים. אָבגעשעצט ווערט די ערד ניט נאָך דער פּרײַצע, וואָס מען האָט אין איהר אריינגעלעגט, נאָר נאָך די מעלות איהרע און דער לאַגע. אָבער צונויפקלייבען דאָס געלד פון אַלע ערד־בעזיצער און דערנאָך צוטיילען דאָס צווישען אַלעמען אין גלייכע חלקים, איז אַ שווערער עסק. אַ חוץ דעם גי־בען דאָך אַלע תושבים סיי ווי סיי אויף די קהל'שע הצטרחות'ן: שולען, קירכען, פייער־געוועהר, פּאָסטוכער, פעררריכטען די וועגען, א. ד. גל., און אָט דאָס געלד קלעקט קיין מאָל ניט אויף וואָס מען דאַרף. בכן מאַכען אָב צווישען זיך די תושבים, אַז אַנשטאָט צור־נויפצוקלייבען דאָס געלד פון ריוח, וואָס די ערד טראָגט אריין, און דאָס געלד פאַנאַנדערצוטיילען, און דערנאָך ווידער צונויפצוקליי־בען אַ טייל פונ'ם געלד פאַר פּאָדאַטקעס, איז בעסער צונויפקליי־בען דעם ריוח פון דער ערד און אָט דעם ריוח אויסגעבען אויף די קהל'שע הצטרחות'ן. ווען די תושבים פון דער געגענד נעמען אָן אַזאַ בעשלוס, פאַרדערען זיי פון די פריצים דאָס געצאָהלט פאַר דעם שטח ערד, וואָס עס געפינט זיך אין זייער בעזיץ, און אויך פאַרדערען זיי דאָס געצאָהלט פון די פויערים, וועלכע בעזיצען קליינע נחלאות. ביי די פּאַר צעהנדליג מענשען, וועלכע האָבען גאָר קיין ערד ניט, מאָנט מען דערפאַר קיין איין קאָפּיקע ניט; זיי קענען אומזיסט זיך בענוצען מיט אַלץ, וואָס עס ווערט איינגעפיהרט אויפ'ן ריוח פון דער ערד.

וואָס פאַר אַ נוצען ברײַנגט אַזאַ מין איינריכטונג? דער ערשטער פריץ, וועלכער לעבט ניט אין דאָרף און פּראָדוצירט ווינציג פון זיין ערד, געפינט גיך אויס, אַז עס לוינט זיך פאַר איהם ניט צו בעזיצען זיין בעשטייערטען שטח ערד, און ער זאָגט זיך פון איהר אָב. בעת דער צווייטער פריץ, דער גוטער בעל־הבית, זאָגט זיך אָב פון איין טייל פון דער ערד און ער בלייבט נאָר ביי דעם טייל, פון וועלכען ער קען ארויסנעמען מעהר, איידער די געזעלשאַפט פאַרדערט פון איהם פאַר בענוצען זיך מיט דער ערד.

וואָס־זשע קומט ארויס? אָט וואָס. פויערים, וועלכע

האָבען וועניג ערד און א פולע ארבייטס־פעהיגע מענשען אין דער פאמיליע, און דאָס גלייכען איינינגע פון די, וואָס האָבען גאָר קיין שום ערד ניט, — ווען זיי ווילען זיך ערנעהרען פון ערד־אַרבייט, נעמען פשוט צו די ערד, וואָס די פריצים האָבען אַוועקגעוואָרפען. און דורך דעם מין בעשלום קריגען אויף אזא'ן אופן אַלע תושבים פון דער סביבה די מעגליכקייט צו לעבען אויף דער ערד און צו ערנעהרען זיך פון איהר און די גאנצע ערד געהט אריבער אָדער פערבלייבט אין די הענד פון די מענשען, וועלכע האָבען ליעב צו ארבייטען אויף איהר און ווייסען אויך, ווי צו פראָדוצירען א סך פון ערד־אַרבייט. די קהל'שע איינריכטונגען פון דער דאָזיגער גע־גענד פערבעסערען זיך, ווייל אויף די קהל'שע הצטרחות'ן ווערט אריינגענומען מעהר געלד ווי פריער. און וואָס איז דער רעכטער עיקר, אז אָט די גאנצע איבערקערענים אין דעם ערד־בעזיץ ווערט דורכגעמאכט אָהן שום סכסוכים, קריגעריי, ברעכענים, געוואַלט־טעט־טיגקייט, און בלויז אויף א גאנץ פשוט'ען אופן: דער, וואָס קען ניט ארויסנעמען פון דער ערד, ווי פיעל אַנאַנדערער קען, און מאכט פון איהר ווינציג, זאָגט זיך אָב פון איהר מיט'ן אייגענעם גוטען ווילען.

אָט דאָס איז דער פּלאַן פון הענרי דזשאָרדזש, וועדליג ווי מען קען איהם צופּאסען צו אַן איינציגער מלוכה אָדער אפילו צו דער גאנצער מענשהייט. דער דאָזיגער פּלאַן איז אי יושר'דיג, אי א טובה דער וועלט, און — וואָס איז די הויפּטזאך — מען קען איהם זעהר בעקוועם דורכפיהרען איבעראַל, אין איטליכער קהלה, עס מעג דאָרטען הערשען ווער וויס וואָס פאר א סיסטעם פון ערד־בעזיץ.

אָט דערפאר טאקע האַלט איך פערזענליך דעם דאָזיגען פּלאַן פאר'ן בעסטען פון אַלע פּלענער, וואָס עס זיינען נאָר דאָ. דאָס איז, פערשטעהט זיך, מיין פערזענליכע מיינונג, וואָס איז פיעלייכט גאָר א טעות אויך. אָבער איהר, אַרביימער, ווען עס וועט קומען פאר אייך די צייט איינצופיהרען א נייעם סיסטעם אין דעם ערד־בעזיץ, וועט איהר אליין ארומקלערען אי אָט די פּלענער, אי אַלע

אנדערע, און ענטוועדער איהר וועט אויסקלייבען דעם פּלאַן, וואָס איהר וועט רעכענען, אז ער איז דער בעסטער, אָדער איהר וועט אליין אויסטראַכטען אַנאַנדערען, וואָס איז נאָך מעהר יושר׳דיג און קאָן דורכגעפיהרט ווערען נאָך בעקוועמער. אָבער מיין צוועק אין איבערגעבען אויספיהרליך די דאָזיגע פּלענער איז געווען איינ־פאַך, אַז איהר, ארבייטער, וועדליג ווי איהר פערשטעהט פון איין זייט די אונגערעכטיגקייט פון פּריוואַט־אייגענטהום אויף ערד, און פון דער אנדערער זייט — ס׳אַרא שווערע און קאָמפּליצירטע ארבייט דאָס איז צו פערטיילען ריכטיג די ערד, זאָלט איהר נישט מאַכען קיין שום טעות׳ן און ניט פערטיילען חס ושלום די ערד ניט־באַרעכענטערהייט; ווייל דורך דעם, וואָס מענשען און קהלות וועלען זיך אמפּערען איינס מיט דאָס אנדערע צוליעב דער ערד ביי אַ נייעם סיסטעם פון ערד־בעזיץ, און דערנאָך וועט מען דאָך גלאַט אזוי פערכאַפּען ערד און זי ניט וועלען אוועקגעבען, — וואָלטען אייערע טעות׳ן געמאַכט אייער לאַגע נאָך ערגער ווי איצ־טער.

15.

איך וועל בקיצור איבער׳חזר׳ען דעם תמצית פון דעם, וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגען. דער תמצית פון דעם, וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגען, ליגט דערין, וואָס איך ראַט אייך, אר־בייטער, ערשטענס קלאָר בעגרייפען, וואָס אייגענטליך איהר דאַרפט האָבען, און ניט בעמיהען זיך אריינצוקריגען דאָס, וואָס איהר דאַרפט אויף צעהן כפּרות. דאַרפען — דאַרפט איהר האָ־בען נאָר איין זאַך: פרייע ערד, אויף וועלכער איהר זאָלט קענען לעבען און האָבען פון וואָס צו לעבען.

צווייטענס, איז מיין עצה, אז איהר זאָלט זיך אָבגעבען אַ קלאָרע רעכנונג וועגען די מיטלען, דורך וועלכע איהר קאָנט אריינ־קריגען די ערד, וואָס איז פאַר אייך נויטיג. אריינקריגען די ערד קאָנט איהר ניט דורך בונטעווען זיך, וואָס גאָט זאָל אונז דערפון שומר ומציל זיין, ניט דורך דעמאָנסטראַציעס, ניט דורך סטרייקס,

ניט דורך סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען אין די פּאַרלאַמענטען, נאָר בלויז דורך דעם, וואָס איהר וועט קיין שום אַנטייל ניט נעמען אין די מעשים, וואָס איהר גופא האַלט זיי פאַר שלעכטע, ד. ה., איהר טאָרט ניט אויפהאַלטען די אונגעזעצליכקייט פון ערד־איי־גענטהום ניט דורך די געוואַלט־טעטיגקייט, וואָס דאָס מיליטער בעגעהט, און אויך ניט דורך ארבייטען אויף די פּריצישע פעלדער און דורך נעמען זיי אין אַרענדע.

דריטענס, איז מיין עצה, אַז איהר זאָלט זיך פאַראויס באַ־רעכענען, וואָס צו טאָן מיט דער ערד, ווען זי וועט ווערען פריי.

און בכדי איהר זאָלט דאָס אַרומקלערען מיט'ן ריכטיגען וועג, דאַרפט איהר גאָר אין זינען נישט האַלטען, אַז די ערד, וואָס די פּריצים וועלען מוזען אָבגעבען, וועט ווערען אייערע. איהר דאַרפט פערשטעהן, אַז בכדי די ערד זאָל באַנוצט ווערען אויף אַ ריכטיגען וועג און אָהן שום פניות פאַרטיילט צווישען אַלע מענשען, דאַרף ביי קיינעם נישט אַנערקענט ווערען דאָס רעכט פון פּריוואַט־אייגענטהום אויף ערד, אַפילו ניט אויף איין קלאַפטער ערד. און נאָר דאַמאָלט, ווען איהר וועט אַנערקענען, אַז די ערד געהערט צו אַלעמען, אַט אַזוי למשל ווי די וואַרימקייט פון דער זון אָדער די לופט, וועט איהר זיין בכח צו פערטיילען די ערד צווישען אַלע מענשען, מיט יושר און אָהן פניות, נאָך אַ וואָס'ער ניט איז פּלאַן פון די, וואָס מיר האָבען איצטער, אָדער נאָך אַ נייעם פּלאַן, וואָס איהר וועט שפּעטער אויסטראַכטען אָדער אַלע אין איינעם אויסקלייבען זיך.

פיערטענס, און דאָס איז דער רעכטער עיקר, איז מיין עצה, אַז אויב איהר ווילט דערגרייכען דאָס, אין וואָס איהר נויטיגט זיך, דאַרפט איהר אָנווענדען די כחות אייערע ניט אויף אַ קאַמפּף מיט די הערשענדע קלאַסען, אויף בונטען, רעוואָלוציאָנען אָדער סאָציאַליסטישע טעטיגקייט, נאָר — אויף זיך גופא, אויף אַ קאַמפּף מיט'ן יצר הרע.

מענשען איז שלעכט צו לעבען אויף דער וועלט נאָר דערפאַר, וואָס זיי לעבען אליין שלעכט. און עס קאָן גאָר ניט זיין שעדלי־

כער פאר די מענשען דער געדאנק, אז די סבות פון זייער ביטערער לאגע ליגט ניט אין זיי גופא, נאָר אין די אויסערליכע אומשטענדען. מען דארף נאָר, אז אַ מענש אָדער אַ וואָס'ער ניט איז געזעלשאפט זאָל זיך איינרעדען, אז די צרות, וואָס זיי האָבען, נעמען זיך פון די אויסערליכע אומשטענדען, און זיי וועלען נעמען אָנווענדען די כחות זייערע אויף אַ קאמפף מיט די דאָזיגע אויסערליכע אומשטענדען כדי זיי צו ענדערען; עס וועט דערפון נאָר נישט ארויסקומען און די צרות וועלען זיך בלויז פערגרעסערן. אָבער מען דארף נאָר, אז דער מענש אָדער די חברה מענשען זאָל זיך מיט אַ ריינעם הארצען אַ קער טאָן צו זיך און אין זיך אליין אָדער אין דעם אייגענעם לעבען אַ זוך געבען די אורזאַכען פון די צרות, פון וועלכע דער מענש אָדער די חברה ליידען, און די דאָזיגע אורזאכען וועלען תיכף געפונען ווערען און שוין פון זיך אליין פערשווינדען ווי אין תהום.

זוכט די מלוכה פון גאָט און זיין אמת, און אלל'דאָס איבעריגע וועט שוין קומען צו אייך. דאָס איז דאָס גרונד־געזעץ פון דעם מענשליכען לעבען. לעבט איהר שלעכט, ניט נאָך גאָט'ס ווילען נאָך, איז וואָס פאר אָנשטריינגונגען איהר זאָלט נישט מאַכען, וועלען זיי אייך ניט ברייננגען דאָס מזל'דיג לעבען, וואָס איהר זוכט. לעבט איהר גוט, מאָראליש גוט, נאָך גאָט'ס ווילען נאָך, איז ניט מאַכענדיג קיין שום אָנשטריינגונגען צו דער־גרייכען דאָס גוטע, וועט דאָס אליין קומען צו אייך, און דערצו נאָך אויף אזא דרך, פון וועלכען איהר האָט קיין מאָל נישט געטראכט.

עס זעהט אוים אזוי נאטירליך און אזוי איינפאך, אז מיר זאָלען זיך רייסען אין דער טיהר אריין, וואָס הינטער איהר געפינט זיך דאָס, וואָס מיר דארפען האָבען. און נאָך נאטירליכער דארף דאָס אויסזעהן, ווען מאסען מענשען שטעהען הינטער אונז און לעגען זיך אָן אויף אונז און דריקען אונז צו צו דער טיהר. און פון דעסטוועגען, וואָס גרעסער די עקשנות, מיט וועלכער מיר רייסען זיך אין דער טיהר, וואָס הינטער איהר געפינט זיך דאָס,

וואָס מיר האַלטען פאר אונזער גליק, איז אלץ קלענער די האָפנונג אהין זיך אריינצורייסען. די טיהר עפענט זיך נאָר אויף זיך אליין.

בקיצור, ווען דער מענש וויל דערגרייכען א גליקליך לעבען, דארף ער זעהען ניט צו ענדערן די אויסערליכע אומשטענדען, נאָר צו ענדערען זיך אליין: ער דארף אויפהערען צו טאָן שלעכטס, אויב ער טוט שלעכטס, און אָנפאנגען צו טאָן גוטס, אויב ער טוט ניט קיין גוטס. אלע טיהרען, וואָס פיהרען די מענשען צום אמת׳ען גליק, עפענען זיך נאָר אויף זיך אליין.

מיר זאָגען, דאָס ארבייטער־פאָלק איז פערקנעכטעט פון דער רעגיערונג, פון די רייכע; אָבער ווער־זשע זיינען די מענשען, פון וועלכע עס בעשטעהען די רעגיערונג און די רייכע קלאַסען? וואָס זיינען דאָס — עפּיס העלדען אזוינע, וואָס יעדערער פון זיי איז אימשטאַנדע גובר צו זיין צעהנדליגע און הונדערטער ארבייטער? אָדער זיי זיינען זעהר גרויס אין צאָהל, און די ארבייטער זיינען פארקערט זעהר קליין אין צאָהל? אָדער די דאָזיגע מענשען, די הערשער הייסט דאָס און די רייכע, נאָר זיי אליין קאָנען שאפען אלץ, וואָס איז נויטיג און פון וואָס די מענשען לעבען? ניין, ניין און ניין. די דאָזיגע מענשען זיינען ניט קיין העלדען, נאָר פארקערט, מענשען אויסגעווייקטע און אָבגעלעבטע. און ניט נאָר וואָס די מענשען זיינען ניט זעהר גרויס אין צאָהל, זיי זיינען הונדערטער מאָל קלענער אין צאָהל פון די ארביי־טער. און אלצדינג, פון וואָס די מענשען לעבען, ווערט ניט פון זיי בעשאפען, נאָר פון די ארבייטער; אָבער ניט זיי קענען און ניט זיי ווילען וואָס טאָן, און זיי פרעסען בלויז אויף דאָס, וואָס די ארבייטער שאפען. טאָ ווי־זשע קומט דאָס, אז אָט די קליינ־צינקע קופּקעלע פּוסט־און־פּאסניקעס, אָהן קראפט און אָהן זאפט, וועלכע קענען גאָר נישט און ווילען גאָר נישט טאָן, אז זי זאָל הערשען איבער מיליאָנען ארבייטער? אויף דעם איז דאָ נאָר איין תירוץ: דאָס קומט ארויס דערפון, וואָס די ארבייטער פיהר־ען זיך אין לעבען נאָך די אייגענע געזעץ און נאָך די אייגענע רעגלען ווי די מענשען, וועלכע דריקען זיי. אויב די ארבייטער

האָרעווען און בענוצען זיך ניט אויף אזוי פיעל מיט דער פּראצע פון די אָרימע און די שוואכע, ווי עס טון דאָס די לעדיג־געהער — די הערשער און די רייכע, קומט דאָס ניט דערפון, וואָס זיי, די ארבייטער, האַלטען דאָס פאר אַן עברה, נאָר דערפון, וואָס זיי קאָנען דאָס נישט טאָן און האָבען קיין שכל ניט דאָס צו טאָן אָט אזוי, ווי עס טון דאָס די הערשער און די רייכע מענשען, וועל־כע זיינען געשייטער און דורכגעריבענער פון די איבעריגע. די הערשער און די רייכע געוועלטיגען איבער די ארבייטער נאָר דערפאר, וואָס די ארבייטער ווילען געוועלטיגען אליין אויך און דוקא מיט'ן זעלבען וועג איבער זייערע אייגענע ברידער־ארבייטער. און דערפאר טאקי — וויי̇לביידע קלאַסען מענשען פערשטעהען דאָס לעבען גאנץ עגאַל — קענען ניט די ארבייטער זיך אויפהויי־בען ווי געהעריג איז געגען זייערע אונטערדריקער. ווי שווער דער ארבייטער זאָל ניט פיהלען די אונטערדריקונג, וואָס ער שטעהט אויס פון די הערשער און די רייכע, וויים ער ביי זיך אין הארצען, אז ער וואָלט אליין אויך אזוי געהאנדעלט, און פיעלייכט האנ־דעלט ער טאקי (פערשטעהט זיך אין א קליינער מאָס) בנוגע צו די ברידער זיינע. די ארבייטער האָבען זיך געבונדען הענד אין פיס מיט'ן פערלאנג צו פערשקלאַפען איינער דעם צווייטען; און דעם דורכגעריבענעם יונג, וועלכער האָט שוין ארייננעכאַפּט צו זיך אין די הענד די מאכט און די הערשאפט, איז דאָס דערפאר אזוי לייכט צו פערשקלאַפען זיי, די ארבייטער. אויב דאָס ארבייטער־פאָלק וואָלט ניט בעשטאַנען אָט פון אזעלכע פערשקלאַפער, ווי די הערשער און די רייכע, וואָס קלערען נאָר וועגען דעם, ווי אזוי אויסצונוצען דעם צווייטענ'ס נויט און צו פערשאפען זיך א לעבען פון כל טוב; ווען דאָס ארבייטער־פאָלק וואָלט געלעבט צווישען זיך ברידערליך, געהאַלטען אין זינען איינער דעם צווייטען, — וואָלט קיינער ניט געקענט פערשקלאַפען די ארבייטער. און אום צו בעפרייען זיך פון דעם יאָך, אין וועלכען זיי ווערען געהאַלטען פון די הערשער און די רייכע, האָבען די ארבייטער נאָר איין מיטעל: זיך אָבצוזאָגען פון ד יסודות, אויף וועלכע זיי בויען

זייער לעבען, ד. ה. אויפהערען צו דיענען דעם טייוועל און נעמען דיענען גאָט.

די כלומרשט'יגע פריינד פון פאָלק זאָגען אייך, און איהר גופא — ווענינסטענס איינינע פון אייך — האָט זיך איינגערעדט, אז מען דארף איבעראנדערשען דאָס איצטיגע סיסטעם: פערכאפען, הייסט דאָס, די פראָדוקציאָנס־מיטלען און די ערד, און ארונטערווארפען די איצטיגע רעגירונג און ארויפזעצען אנאנדערע. און איהר גלויבט אין דעם, און איהר האָפט אויף דעם, און איהר לעגט אוועק די כחות אייערע אום צו דערגרייכען די דאָזיגע צוועקען. אָבער נאָמיר זאָגען, אז איהר וועט שוין מיט מזל דערגרייכען דאָס, וואָס איהר ווילט: ס'הייסט אז איהר האָט ארונטערגעוואָרפען די איצטיגע רעגיערונג און געגרינדעט אנאַנדערע, אז איהר האָט ארייננעגומען צו זיך אין די הענד אלע פאבריקען, זאוואָדען, די ערד. פאר וואָס זאָלט איהר דענקען, אז די מענשען, וועלכע זיינען אריינגעטראָטען אין דער נייער רעגירונג, וועלען זיך פיהרען נאָך נייע און אנדערע יסודות, און ניט אזעלכע, נאָך וועלכע עס פיהרט זיך די איצטיגע רעגירונג? און אויב די מענשען וועלען זיך פיהרען נאָך די זעלביגע יסודות, וועלען זיי זעהן פונקט ווי די איצטיגע ניט נאָר איינצוהאלטען, אויך צו פערשטארקען זייער הערשאפט, און זיי וועלען ארויספרעסען פון זייער הערשאפט פאר דער אייגענער וויגאָדע אלץ, וואָס מען קען נאָר פון איהר ארויספרעסען. ווי לעגט זיך אייך דאָס אויפ'ן שכל, אז די מענשען, וועלכע וועלען זיין די פערוואלטער פון די פאבריקען, פון דער ערד (אלע צוזאמען קענען דאָך ניט זיין די פערוואלטער פון אלע אנשטאלטען), האָבענדיג דעם זעלבען קוק אויף דער וועלט ווי די איצטיגע, זאָלען ניט געפינען קיינע מיטלען, פונקט ווי איצטיגע, זיך צוצונעמען דעם פעטסטען חלק, און אז פאר די שטילינקע, די אונוויסענדע — זאָלען זיי איבערלאָזען נאָר דאָס נויטווענדיגע? מען וועט ענטפערען אויף דעם: „עס וועט שוין זיין אזוי איינגעפיהרט, דאָס אזוינס וועט ניט קענען געטאָן ווערען.“ דאכט זיך, וואָס דארף מען בעסער, ווי גאָט אליין אָדער

די נאַטור אליין האָבען איינגעפיהרט — די ערד געהערט צו יעדערן, וואָס לעבט און ווערט אויף איהר געבאָרען, — און פון דעסטוועגען טוט נאָר אַ קוק, ווי די געשייטקייט פון׳ם מענשען האָט אויף דער דאָזיגער געטליכער איינריכטונג עובר געוועזן. אַ פשיטא איז דאָך לייכט צו איסקאַליעטשען דאָס, וואָס דער מענש האָט איינגעפיהרט. אויף דעם וועלען זיך שוין געפינען טויזענדער מיטלען ביי די מענשען, וועלכע בויען זייער לעבען נאָר אויף איין איינציגער זאָרג: וועגען דער אייגענער הצלחה; דער צווייטער געהט זיי גאָר ניט אָן. קיין שום ענדערונג אין די אויסערליכע איינריכטונגען וועט קיינמאָל ניט פערבעסערען די לאַגע פון׳ם מענשען. און דארום איז מיין פיערטע עצה, ארבייטער, און דאָס איז ביי מיר די הויפטזאך, אז איהר זאָלט ניט בערעדען אנדערע מענשען, אייערע אונטערדריקער, און זאָלט זיך בעסער אומקוקען אויף זיך און ענדערען אייער אינערליך לעבען.

וועט איהר אָבער דיינקען, אז עס איז געזעצליך און ניצליך ארויסצורייסען מיט געוואלט און זיך צונעמען דאָס, וואָס מען האָט ביי אייך צוגענומען און איינגעהאַלטען מיט געוואלט; אָדער איהר וועט דיינקען, אז מען דארף פאָלגען, וואָס עס לערנט די תורה פון פארבלאָנדזשעטע מענשען, און אז עס איז געזעצליך און ניצליך אנטייל צו נעמען אין דעם קלאַסען־קאמפף און זיך סטארען אוועקנעמען די פראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס אנדערע האָבען איבער זיי געארבייט; וועט איהר דיינקען, אז ווען איהר זייט סאָלדאַטען, זייט איהר מחויב צו פאָלגען די מיליטערישע בעאמטע, וועלכע הייסען אייך בעגעהן געוואלט־אקטען איבער אייערע ברידער, זיי דער׳הרג׳ען צום טויט, און ניט פאָלגען גאָט, וועלכער הייסט דאָס ניט טאָן; אָדער איהר וועט דיינקען, אז ווען איהר האַלט אויף די אונגעזעצליכקייט פון פריוואט־אייגענטהום אויף דער ערד דורך דעם, וואָס איהר ארבייט אויף די פריצישע פעלדער און נעמט זיי אין ארענדע, טוט איהר דערמיט קיין שום בייז ניט, — וועט איהר נאָר אַזוי דענקען, דעמאָלט וועט די לאַגע

אייערע ווערען אלץ ערגער און ערגער, און איהר וועט פערבלייבען אייביגע שקלאפען.

ווען איהר וועט אָבער פערשטעהן, אז אום צו זיין אמת גליקליך דארפט איהר נאָר לעבען, ווי גאָט האָט געבאָטען, זיין טריי ווי א ברודער איינער דעם אנדערען, בעגעהן זיך מיט'ן צוויי־טען אזוי, ווי איהר וואָלט וועלען, אז דער צווייטער זאָל זיך בע־געהן מיט אייך, — נאָך דער מאָס נאָך, ווי איהר וועט דאָס פער־שטעהן, און נאכדעם ווי איהר האָט דאָס פערשטאנען, זעהן דאָס טאקי דורכצופיהרען, — וועט אויך קומען די ישועה, אויף וועלכער איהרווארט, און עס וועט נעמען א סוף צו אייער פערשקלאפטען צושטאנד.

„איהר וועט בעגרייפען, וואָס דער אמת איז, און דער אמת וועט אייך מאכען פאר פרייע מענשען".

יאסנאיא פאָליאנא, סעפּטעמבער, 1902.

ביילאגע

דער פּלאַן פון העגרי דזשאָרדזש.

אָט אין וואָס עס בעשטעהט דער פּלאַן פון הענרי דזשאָרדזש:

„דאָס רעכט אויף אייגענטום“, שרייבט ער אין זייגעם אַן אַרטיקעל, „איז געבויט ניט אויף מענשליכע, נאָר אויף נאַטירליכע געזעצ, אין אנדערע ווערטער אויף די געזעצע פון גאָט. דאָס רעכט איז קלאָר און אונבעדינגט, און ווען עס זאָל אויף דאָס רעכט ניט עובר זיין, צו אַ פּערזאָן אָדער אַ גאַנצ פאָלק, איז מען דערמיט עובר אויף גאָט'ס פערבאָט: „לא תגנב.“ דער מענש, וועלכער פאַנגט פיש, לאָזט אויסוואַקסען אַן עפּעל, קאָרמעט אוים אַ קעלבעל, בויט אַ הויז אָדער אַ מאַשין, נעהט אַ קלייד, מאָלט אַ בילד, באַקומט דורך זיין ארבייט אַן אויסשליסליך רעכט פון אייגענטהום אויף די פּראָדוקטען פון זיין ארבייט, — דאָס רעכט זיי אוועקצושייגקען, פערקויפען אָדער איבערגעבען בירושה. אזוי ווי ניט מיר האָבען די ערד בעשאַפען, און אזוי ווי זי איז ניט מעהר ווי אַ צייטווייליגע וואוינונג פון די מענשליכע דורות, וואָס איינער פון זיי בייט איבער דעם אנדערען; אזוי ווי מיר געפינען זיך אויף דער ערד על כל פנים מיט דער ערלויבנים פון באשעפער, וועלכער גיט זיין ערלויבנים אלעמען עגאַל, איז דערפון גאַנצ קלאָר, אַז קיין איינער פון אונז האָט ניט אַ וואָס'ער ניט איז אויסשליסליך רעכט פון אייגענטהום אויף דער ערד, און אַז די רעכט אויף דער ערד פון אלע מענשען דאַרפען אנערקענט ווערען פאר גלייכע און דערצו נאָך פאר אזוינע,

וואָס קענען פון זיי נישט אָבגענומען ווערען. דאָס רעכט צו בעזיצען די ערד דאַרף זיין דארום בעגרענעצט דורך די גלייכע רעכט פון די איבעריגע מענשען, און דערפאר מוז דאָס דער ערד־בעזיצער איינצאָהלען דער געמיינדע א געוויסען סכם פאר דאָס טייערע פריווילעגיום, וואָס מען האָט איהם אָבגעגעבען, צו באַנוצען זיך מיט זיין שטח ערד.

ווען מיר לייגען ארויף א שטייער אויף די הייזער, תבואות, געלד, ווירטשאַפט, בקיצור אויף קאפּיטאַל אָדער רייכטום, אין וואָס פאר א פאָרמע מיר זאָלען דאָס ניט געפינען, נעמען מיר אוועק פון די מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט דאָס, וואָס על פי רעכט איז זייער אייגענטום; אין אנדערע ווערטער, מיר זיינען עובר געווען אויפ׳ן רעכט פון אייגענטום און אין נאָמען פון געזעץ בעגעהען מיר איינפאַכע גזלה. ווען מיר בעשטייערען אָבער די ערד, איז אנאנדער זאַך: מיר נעמען אוועק ביי די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט דאָס, וואָס געהערט צו זיי ניט, וואָס עס געהערט דער גאַנצער געזעלשאַפט, און וואָס עס קאָן ניט פערבלייבען ביי זיי בשום אופן ניט, ווייל אין דעם פאַל וואָלטען געליטען די אַנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. עס קומט אלזאָ אויס, דאָס מיר זיינען עובר אויפ׳ן געזעץ פון יושר, ווען מיר לעגען ארויף א שטייער אויף ארבייט אָדער די פּראָדוקטען פון ארבייט, און מיר זיינען עובר אויפ׳ן זעלבען געזעץ אויך דעמאָלט, ווען מיר לעגען ניט ארויף א שטייער אויף דער ערד. און דארום איז אונזער פאָרשלאַג אָבצושאַפען אלע שטייערן, א חוץ דעם איינציגען שטייער אויף דער ערד, און אָט דער שטייער זאָל איינגעמאָנט ווערען אָהן א שום שיכות צו דעם ווערט פון די פערשידענע אויף איהר אויפגעשטעלטע בנינים אָדער אין איהר געמאַכטע פערבעסערונגען.

דאָס, וואָס מיר שלאָגען פאָר, איז ניט א שטייער אויף אונבעוועגליכעס אייגענטום, ווייל אונטער׳ן נאָמען פון אונבעוועגליכעס אייגענטום זיינען ביי אונז פעררעכענט אויך אלערהאַנד געביידעס; דאָס איז אויך ניט א שטייער אויף דער ערד, ווייל

אונזער פאָרשלאַג איז ניט צו בעשטייערען די ערד אין אלגעמיין, נאָר דעם ווערט פון דער ערד, און דער ווערט פון דער ערד, ווי בעקאַנט, היינגט דאָך ניט אָב פון דעם ווערט פון די געביידעס, וואָס עס זיינען אויף איהר אויפגעשטעלט געוואָרען, אָדער פון די פערבעסערונגען, וואָס מען האָט אין איהר געמאַכט, נאָר פון די נאַטירליכע אָדער געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען.

וואָס־זשע וועט ארויסקומען דערפון, וואָס אויף דער ערד וועט מען ארויפלעגען דעם איינציגען שטייער? אָט וואָס:

ערשטענס, דורך דעם דאָזיגען שטייער וועלען מיר אין א גוטער שעה פּטור ווערען פון א גאַנצער ארמעע איסבאַרשטשיקעס און אנדערע בעאמטע, וואָס די רעגירונג דאַרף זיי האָבען ביי דעם איצטיגען סיסטעם פון שטייערען, און אין פערגלייך מיט די אי־בעריגע שטייערען וועט דער רעגירונג אָנקומען א סך א גרעסערער חלק פון דעם געלד, וואָס עס ווערט גענומען פון פאָלק. און אין דער זעלבער צייט, וואָס דער איינציגער שטייער וועט מאַכען די רעגיערונגס־מאַשין איינפאַכער און ביליגער, וועט ער אויך העלפען מאַכען די רעגירונגס־בעאמטע עהרליכער. ער וועט אונז בעפרייען פון שטייערען, וואָס פיהרען אונפערמיידליך צו נארעריי, פאַלש שווערען, פעלשונגען און לאַפּקע. די גאַנצע ערד געפינט זיך ביי יעדערען פאר די אויגען און זי קאָן פון קיינעם ניט בעהאַלטען ווערען; איהר ווערט קאָן געוויינליך בעשטימט ווערען לייכטער פון יעדער אנדער זאַך, און דעם שטייער, וואָס מיר שלאָגען פאָר, איז מעגליך דעריבער אריינצונעמען אויף אזא דרך, דאָס די פּרייזע זאָל אונז קאָסטען וואָס ביליגער און די מאָראַל פון דער געזעל־שאפט זאָל דערביי וואָס ווינציגער געשעדיגט ווערען.

צווייטענס. דער שטייער וועט פערגרעסערען אין א געוואַל־טיגע מאָס די פּראָדוקציאָן פון עשירות דורך דעם, וואָס עס וועט אָבשאַפען: 1) די שווערע ווירקונג פון די איצטיגע שטייערען אויף האָראָפּאַשנע ארבייט און אויף שפּאָרזאַמקייט; 2) די, וואָס ווילען זיך בענוצען מיט דער ערד, וועלען זי קאָנען לייכטער קריגען, ווייל פאר די ערד־בעזיצער, וואָס אליין בענוצען זיי זיך מיט

זייער ערד ניט און זייער איינציגע האָפנונג איז, אז די ערד וועט זיך אין דער צוקונפט אויפהויבען אין איהר ווערט, וועט זיין אַ סך שווערער איינצוהאַלטען די ערד, וואָס קאָן ברייגנען נוצען אנאנדערען; 3) דאָס בעשטייערען פון די פּראָדוקטען פון דער ארבייט, פון איין זייט, און דאָס נישט געניגענדע בעשטייערען פון דער ערד, פון דער אנדערער זייט, פיהרען צו איין אונגערעכטער פערטיילונג פון די עשירות, וועלכע ווערען קאָנצענטרירט (אָנגע־זאמעלט) אין די הענד פון אַ קליינער קופּקעלע פיעל־פאַכיגע מי־ליאָנערען, אין דער צייט, וואָס די מאסען ווערען פעראָרימט אלץ מעהר און מעהר. אָט די אונגערעכטע פערטיילונג פון די עשירות ברייגגט דערצו, אז פון איין זייט ווערט בעשאַפען אין דער גע־זעלשאפט אַ קלאַס מענשען פוסט־און־פאַסניקעס און הולטאַיעס, ווייל זיי זיינען צו רייך, און פון דער אנדערער זייט אַ קלאַס מענשען פון לומפּען־פּראָלעטאַריער, ווייל זיי זיינען צו אָרים, — און דאָס פארקלענערט די אלגעמיינע פּראָדוקציאָן אין זעהר אַ גרויסער מאָס. 4) די אונגערעכטע פערטיילונג פון די עשירות, וואָס בעשאַפט פון איין זייט פיעל־פאַכיגע מיליאָנערען און פון דער אנדערער זייט היימלאָזע בעטלער, בעשאַפט אויך אין דער זעלבער צייט גנבים, קאָרטעוויניקעס, אַלערליי סאָרטען פון גע־זעלשאפטליכע פּאראזיטען, און עס פּאָרדערט זיך אַ גוזמא געלד און כחות אויף אויפצוהאַלטען וועכטער, פּאָליציי, געריכטען (סודען), געפענגניסען, און אלע אנדערע מיטלען, וואָס די געזעל־שאפט ניצט אויס פאר איהר זעלבסט־שוץ.

אָט דאָס זיינען די אורזאכען, פאר וואָס מיר האַלטען אלס אַ רעטונגס־מיטעל די איינפיהרונג פון'ם איינציגען שטייער אויף דער ערד. מיר לעגען זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזים און מיי־נען ניט, אז דאָס נייע שטייער־סיסטעם וועט איבערמאַכען די נאַ־טור פון דעם מענשען. אזא זאך איז גאָר ניט ביי דעם מענשען אין די הענד. אָבער דאָס נייע סיסטעם בעשאַפט די אומשטענדען, וואָס וועלען לאָזען דער מענשליכער נאַטור צו ענטוויקלען אלל'דאָס בעסטע, אָנשטאָט צו ענטוויקלען אלל'דאָס ערגסטע, וועדליג ווי מיר

זעהען עס איצטער. דאָס וועט מאכען מעגליך אזא געוואלדיגע פערגרעסערונג אין דער פּראָדוקציאָן פון עשירות, וואָס מיר קענען זיך איצטער גאָר ניט פאָרשטעלען אפילו. דאָס וועט פערזיכערען א גערעכטע פערטיילונג פון די עשירות. דאָס וועט מאכען אזא'ן ערשיינונג צום ביישפּיעל, ווי נישט־פערדינטע אָרימקייט, פאר אַן אונגעוועהנליכע זאך. דאָס וועט פערניכטען די פערדארבענדיגע יאָגענים נאָך פּראָפיטען. דאָס וועט געבען די מענשען א מעג־ליכקייט צו זיין לכל הפּחות אויף אזוי ווייט עהרליך, וואהרהאַפ־טיג, פערנינפטיג און איידעל, ווי זיי וואָלטען זיך ווינשען צו זיין. דאָס וועט צוגרייטען דעם וועג פאר'ן אָנקומען פון דער צייט פון אמת און יושר, אין אנדערע ווערטער, פון דער צייט פון הצלחה, שלום און גליק, אָט די דריי זאכען, וואָס קריסטוס האָט פערזאָגט זיינע תלמידים צו בעטען ביי גאָט פאר זיך און זיך צו סטאַרען צו דערגרייכען."

דער פּלאַן פון דער יאַפּאַנעזישער געזעלשאַפט.

אָט אין וואָס עס בעשטעהט דער פּלאַן פון דער יאַפּאַנעזישער געזעלשאַפט, „אומצוקערען די ערד צו די ארבייטער":

„מיר ווייסען, ווערט ערקלערט אין אַן ארטיקעל פון דער געזעלשאַפט, אז ס'איז פאראַן אַ נאַטור־געזעץ: דער, וואָס ארבייט, ווערט רייכער, און דער, וואָס ארבייט ניט, בלייבט אַן אָרימאַן. אָבער ביי היינטיגען טאָג איז אונזער געזעלשאַפט אזוי אויפגעבויט, אז דאָס רוב אָרימע לייט ארביימען טאַקי אַ סך און פערבלייבען אָרימע לייט ביז'ן ענד לעבען, בעת די רייכע טוען גאָר נישט, באָדען זיך אין כל טוב און פערגרעסערען נאָך זייערע עשירות. דאָס קומט ארויס דערפון, וואָס עס ווערט ניט אָבגעהיט דאָס גרונד־געזעץ פון יושר, וואָס זאָגט אונז קלאָר און דייטליך: דאָס, וואָס ווערט בעשאַפען דורך די מענשליכע ארבייט, מוז געהערען צו די מענשען, וועלכע האָבען עס בעשאַפען; דאָס ווידער, וואָס ווערט בעשאַפען דורך די כחות פון דער נאַטור, — די גאַנצע ערד, אויף וועלכער מיר לעבען, און אלץ, וואָס עס געפינט זיך אויף איהר און אין איהר, — מוז געהערען גאַנץ עגאַל צו אלע מענשען.

אָט דאָס איז דאָס גרונד־געזעץ פון יושר. אָבער די געזעץ וועגען דער ערד, וואָס עס ווירקען ביי אונז אין דער געזעלשאַפט, גיבען איין מענשען אוועק דאָס אויסשליסליך רעכט אויף דער ערד אָהן אַ שום בעגרענצונג אין דער צייט פון בעזיץ אָדער אין דעם שטח, בעת אַ צווייטער איז דורך די זעלבע געזעץ גאָר אין גאַנצען בערויבט פון דעם ערד־בעזיץ. אויף אזא שטייגער בעקומט איצטער איין מענש דאָס, וואָס עס קומט איהם ניט, בעת אנאַנ־דערער באַקומט ניט אפילו דאָס, וואָס עס קומט איהם יע.

מיר ווילען ענדערען דאָס געזעלשאַפטליכע סיסטעם, אָבער ניט מיט'ן צוועק אוועקצונעמען פון די רייכע קלאַסען זייער אייגענטום;

מיר ווילען נור, אז עס זאָל ווידער אריין אין קראַפט אונזער נאַטירליך רעכט אויף דער ערד, וואָס מיר האָבען געקראָגען פון׳ם באשעפער. מיר ווילען מעהר ניט, אז דאָס, וואָס מענשען האָבען געמאַכט, זאָל געהערען צו יענע, וואָס האָבען דאָס געמאַכט, אָבער דאָס, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען דורך די כחות פון דער נאַטור, זאָל זיך קענען דערמיט בענוצען יעדער מענש אָהן אן אויסנאַהם.

ווי־זשע פיהרט מען דורך פראַקטיש דאָס, וואָס מיר שלאָגען פאָר?

די גאַנצע ערד, וואָס טויג צום בעארבייטען, ווערט אָבגעשעצט, און די רעגירונג בעשטימט שוין, ווי פיעל ערד עס קומט אויס, נאָך דער בעפעלקערונג נאָך, אויף יעדערען׳ס חלק. איטליכער, וואָס האָט גאָר קיין ערד ניט אָדער וועניגער פון דעם חלק ערד, וואָס עס איז פאר איהם בעשטימט געוואָרען, האָט דאָס רעכט צו פאָרדערען פון יענעם, וואָס האָט מעהר ערד, איידער עס קומט איהם, אָבער נאָר אזוי פיעל, וואָס עס פעהלט איהם צו זיין חלק; דערביי נעמט ער זיך אונטער צו בעצאָהלען פאר דער ערד דעם פרייז, וואָס ווערט בעשטימט פון געזעץ. אָט אַ חוץ דעם איינציגען פאַל, קענען מענשען פראנק און פריי בעזיצען זייער ערד און זי איבערגעבען איינער דעם צווייטען.

אַנמערקונג 1. די אָבשעצונג פון דער ערד דאַרף געמאַכט ווערען אזוי: דער ווערט פון דער ערד, וואָס איז געקומען דורך די אנשטריינגונגען פון איהר בעזיצער צו פערגרעסערען דעם פראָפיט פון דער נחלה, קומט דעם ערד־בעזיצער, ווייל דאָס איז זיין פריוואט־אייגענטום; און נאָר דער ווערט פון דער ערד, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען דורך נאַטירליכע אָדער געזעלשאפטליכע בעדינגונגען, דאַרף פערעכענט ווערען אויפ׳ן קהל׳שען חשבון, ווייל נאָר דער ווערט איז דאָס אייגענטום פון דער געזעלשאַפט.

אַנמערקונג 2. ווי גרויס דאַרף זיין אימיצענ׳ס חלק? דאָס ווערט בעשטימט נאָך דעם נאָך, צו וואָס׳ער צוועק די ערד דאַרף באנוצט ווערען פון׳ם מענשען: צו אלס אַ פלאַץ צום וואוינען אָדער אלס אַ מיטעל צו ציהען פון איהר די חיונה. אין דעם

ערשטען פאל דארף יעדער ערוואקסענער מענש קריגען א גלייכען חלק. אבער אין דעם צווייטען פאל, קען איין נחלה זיין גרעסער אדער קלענער פון דער צווייטער, אלץ ווענדעט זיך אן דעם גראד פון דער פעטקייט פון דער ערד.

אויב דער דאזיגער פלאן וועט מקוים ווערען, דאמאלט וועלען אלע מענשען שטעהן שטייף אויף דער ערד; יעדערער הייסט דאס וועט האבען אי אן ארט, וואו דעם קאפ אנצושפארען, אי א שטיקעל ערד, פון וועלכער ער זאל קענען ציהען די חיונה. ביי דעם סיסטעם מוז זיך פארקלענערען די צאהל מענשען, וואס זוכען ארבייט, און אויך די צאהל מענשען, וואס ווילען נעמען ערד אין ארענדע; אין דער זעלבער צייט וועלען זיך העכערען די פארדערונגען פון די ארבייטער און די ארענדאטארען; עס וועלען זיך אויך העכערען די ארבייטער־שכירות, און עס וועט פאלען דער פרייז פון ארענדע. אויך וועלען זיך פערקלענערען די אונגעזעצליכע פראפיטען פון די קאפיטאליסטען און די ערד־בעזיצער, ווייל די מענשען, וועלכע האבען זיך געמוזט ביז אהער פערקויפען צו די קאפיטאליסטען, וועלען זיך איצטער דערפיהלען אונטער דער ממשלה פון זייער נאטירליכען האר — גאט, וועלכער גיט זיי אב דעם פולען ווערט פון זייער ארבייט.

מיר גלויבען, אז אזא סיסטעם שטימט איין מיט'ן געזעץ פון יושר און וועט פערריכטען אלל'דאס בייז, וואס עס רופט ארויס אין לעבען דאס איצטיגע אונגערעכטע געזעלשאפטליכע סיסטעם.

אבער ווען אימיצער זאל אונז אנווייזען אויף אנאנדער סיסטעם, וואס איז נאך מעהר יושר'דיג און פערריכט נאך בעסער דאס בייז פון דער וועלט, וואלטען מיר איין רגע ניט געקלערט און אנגענומען דאס נייע סיסטעם.

מיר האפען, אז אלע, וואס אנערקענען דעם גרונד־אמת, דאס די ערד געהערט צו אלע מענשען, ווען זייער אייגען סיסטעם זאל אפילו ניט איינשטימען מיט אונזערען, וועלען זיך פעראייניגען מיט אונז, און מיט אלגעמיינע כחות וועלען מיר זעהן צו געווינען צוריק אונזער נאטירליך און געזעצליך רעכט אויף דער ערד. מען

זאָגט, אז איצטער איז נאָך צו פריה פאַרצושלאָגען אזא פּלאַן ווי אונזערער. פערקערט, מיר בעדויערען, וואָס מען האָט זיך צו שפּעט געכאַפּט אָבצוגעבען דעם מענשען זיין רעכט אויף דער ערד, ווייל אין דעם משך פון די פינף טויזענד יאָהר, וואָס די מענשען האָבען גענומען פיהרען אַ געזעלשאַפטליך לעבען, און נאָך עד היום זיינען אַ גוזמא מענשען אוועק פון דער וועלט מיט פערביטערטע און צובראָכענע הערצער; זיי האָבען ניט געוואוסט פון זייער נאַ־טירליכען רעכט אויף דער ערד; זייער רעכט האָט מען ביי זיי אוועקגערויבט, און דערפאַר טאַקי האָבען זיי געהאַלטען די וועלט פאַר אַן אָרט פון טרויער און ענטטוישונגען.

און אָט אויף דעם סמך בעטען מיר אייך רחמים, אז אויב איהר האָט פיינד די געוואַלט־טעטיגקייט, וואָס עס הערשט איצ־טער איבער דער וועלט, און אויב איהר ווילט, אז הערשען איבער דער וועלט זאָל גערעכטיגקייט, ווענדעט אָן אלע אייערע כחות, כדי דער מענש זאָל ווידער בעקומען זיין נאַטירליך רעכט אויף דער ערד. אויב איהר ווילט, אז שקלאַפעריי אויף דער ערד זאָל אין אלעמען אָבגעשאַפט ווערען און די גאנצע מענשהייט זאָל בעקו־מען די פרייהייט, ווענדעט אָן אַלע אייערע כחות, אז דעם מענשענ׳ס רעכט אויף דער ערד זאָל אויפגעשטעלט ווערען. אויב איהר ווילט ניט זעהן, ווי מענשען לעבען ווי ווילדע חיות, ווי דער שטאַר־קער שטיקט דעם שוואַכען, ווענדעט אָן אייערע כחות און פיהרט אויס דעם אויבענדערמאָנטען צוועק. אויב איהר האָט מיטלייד מיט דער גרויסער מעהרצאָל פון די מענשען אויף דער וועלט, וועל־כע פערברייגען זייערע לעבענס אין יסורים אָט פון די אונגערעכטע בעדינגונגען, אויב איהר האָט רחמנות אויף די אונגליקליכע עופה־לעך, וועלכע נעמען איבער בירושה די דאָזיגע שוידערליכע לע־בענס־בעדינגונגען, ווענדעט אָן אייערע כחות און פיהרט אויס, אז דעם מענשענ׳ס נאַטירליך רעכט אויף דער ערד זאָל איהם אומ־געקערט ווערען צוריק.

מיר גלויבען, אז די ערד איז פאַר אַלע מענשען זבת חלב ודבש, און ביז וואנען מיר וועלען זי ניט אומקערען צוריק צו זיך,

וועלען מיר קיינמאָל ניט פּטור ווערען פון פּרעה'ס קנעכטשאַפט. אמת, ווען עס וועט אונז אָוועקגעגעבען ווערען אונזער נאַטירליכע רעכט אויף דער ערד, וועט דאָס שוין זיין דער סוף פון אַלע מיני שקלאַפערייען, פון וועלכע די מענשהייט האָט ווען עס איז געליטען. און דערפאר ווייסען מיר, אז די דורכ־פיהרונג פון אונזער פּאָרשלאָג איז ניט קיין גרינגע זאַך. אָבער מיר גלויבען, אז ווען אַלע גוטע מענשען זאָלען זיך פעראייניגען צו דעם דאָזיגען צוועק, וועט דער צוועק זיכער דערגרייכט ווערען."

ע נ ד ע.